# שטראלן

#2

פונעם ליכטיגן שיין די אור האורות **רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע**




**אונטערן אייזערנעם פארהאנג**

דריי העלדישע געשיכטעס נסיעות גדולי אנ"ש קיין אומאן אונטערן נאז פון די קעי.זשעי.בי

**טראכט גוט וועט זיין גוט**

דיבור המאיר לעבטיגע דיבורים פון הגה"ח ר' יעקב מאיר שעכטער שליט"א

**דער רבי טיילט סמאלע**

די אסטראנאמישע נומערן און קוואנטומעס וואס 'אזמין' שטעלט אהער

# אינהאלט








04 **דיבור המאיר**
לעכטיגע דיבורים פון הגה"ח ר'
יעקב מאיר שעכטער שליט"א
שו"ת אלעס איבער די נסיעה
הקדושה צום הייליגן רבי'ן

06 **לדעת**
הר"ר שאול סירוטה שליט"א
קלארע דיבורים אויף די עבודת
היום פון ראש השנה

10 **שטערנדלעך**
הר"ר יעקב נתן אנשין שליט"א
ברייטע איבערזיכט אויף די נושא
פון פארן צו קברי צדיקים

13 **העלדישע געשיכטעס**
די מסירות נפש פון אנ"ש
אנצוקומען צום הייליגן רבי'נס ציון
אונטערן אייזענעם פארהאנג

18 **א מופת בין איך**
וואונדערליכע מופתים ביים
פאבריק פון תשובה ביים
ציון הקדוש אין אומאן

28 **א שפע ביים רבי'ן**
ברייטע איבערזיכט און אריינבליק
אינעם גרעסטן הכנסת אורחים
פראיעקט אין די וועלט 'אזמין'
'שיינער הכנסת אורחים אין אומאן'

34 **מיין ערשטע ר"ה ביים רבי'ן**
זכרונות פון א 7 יעריגער אינגל
פון זיין נסיעה אויף אומאן ראש
השנה, אין יאר תשנ"ה

36 **פונקען**
נקודת החבר:
געקליבענע אויסצוגן פון שמועסן
פון משפיעי אנ"ש

39 **היים שטראלן**
ספעציעלע אפטיילונג
פאר די אידישע שטוב

40 **גליקליך אבער נאך ווי....**
די זכיה פון די ברסלב'ער
נשים צדקניות - גראמען

41 **ארום דעם טיש**
א אפענע שמועס מיט נשים צדקניות
וועלכע גרייטן זיך צום דערהערנענעם
ראש השנה אינאיינעם מיטן רבי'ן

46 **א פריי־ליכן יום טוב!**
אייגענע ערפארונג ווי אזוי
אריינצוברענגען א שמחת יום טוב
ווען די טאטע איז נישטא

48 **רעספּיס**
געשמאקע רעצעפּן פאר די
אשת חיל לכבוד די ימים
טובים הבאים לקראתינו

50 **מעשה שהיה**
א ראש השנה
מיט מילגרוים

53 **קינדער שטראלן**
ספעציעלע אפטיילונג פאר ילדי אנ"ש
א קורצע מאמר און אינטערעסאנטע
מעשה'לע אזוי אויך א משל

56 **אינטערסאנטע קאמיקס**
רייכע מעשה אין הערליכע קאמיקס
בילדער פאר די ילדי אנ"ש - גאר
באלערנד און אינטערסאנט



**פאר סיי וועלכע הערות**
**ווענדט אייך צו:**

1-347-369-4152

shtroln148@gmail.com


בילדער קרעדיט:
נתן צבי ראטה, בעולמה של ברסלב, ברסלב נייעס, ארכיון ר' אהרן לבל, יוסי גולדבערגר



# דיבור המאיר

לעבטיגע דיבורים פון הגה"ח
ר' יעקב מאיר שעכטער שליט"א

וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִבְחִינוֹת אֱמֶת הָאֲמִתִּי, אֲזַי ה' אוֹר לוֹ, וַאֲזַי הוּא מֵאִיר בְּעַצְמוֹ, כִּי נִתְלַבֵּשׁ בּוֹ אוֹר ה'.// מידי אביר יעקב

## שאלות ותשובות

## הגה"ח ר' יעקב מאיר שעכטער שליט"א

## ט' אלול תשפ"ה לבני ביתו

### וואס איז דער ענין פון פארן קיין אומאן אויף ראש השנה?

צדיקים זענען דאך כלול אין די תורה און דבוק אין די תורה, אבער יעדער צדיק האט זיך זיין בחינה, דער רבי איז שטארק נכלל געווען אינעם יום טוב ראש השנה, אין די אלע תיקונים וואס טוט זיך ראש השנה למעלה.

ממילא אז מען ווערט מקורב צום רבי'ן שטארק, איז דורכ'ן רבי'ן שפירט מען דעם ראש השנה און מען באקומט דעם ראש השנה אזוי ווי עס דארף צו זיין, ווייל דער רבי איז געווען שטארק נכלל אין ראש השנה.

אבער נישט צופיל אריינטראכטן, דאס דארף מען צו וויסן פון אויבן אויף, אבער נישט צופיל טראכטן ווייל מען קען זיך אינגאנצן פארטומלען,

### איז פארהאן עפעס א ספעציעלע הכנה וואס מען דארף טון פאר די נסיעה צום רבי'ן?

אז מען גלייבט די גרויסקייט פונעם רבי'ן און מען שפירט די קדושה פון רבי'ן, מען ווייסט אז מען דארף זיך פונדאסניי מקרב זיין צום רבי'ן, און צו די דיבורים, כדי צו ממשיך זיין אויף אונז די ריכטיגע אמונה הקדושה

דער עיקר הרגש וואס מען דארף האבן ראש השנה, איז וואס מער מען שפירט דעם רבי'ן שפירט מען מער דעם ראש השנה און די תיקונים פון ראש השנה, ווייל דער רבי איז געווען כלול גאר שטארק - אין אלע זאכן, אבער בפרט אינעם ענין פון ראש השנה.

### וואס טוט מען ווען דאס הארץ איז פארמאכט ראש השנה?

זאגט מען פסוקי בטחון פסוקים פון התחזקות, פסוקים פון אמונה דאס איז די עצה, דער דיבור האט א כח...

ואתם הדבקים בה' אלוקיכם חיים כולכם היום, נאכאמאל איבערזאגן און נאכאמאל, ואני בחסדך בטחתי יגל ליבי בישועתיך, אשירה לה' כי גמל עלי... יעדער איינער מיט זיין פסוק, לויט זיין געשמאק, דאס איז די ארבעט, אמאל הייבט מען גלייך אן צו שפירן עפעס, און אמאל שפירט מען גארנישט, אבער אויב מען שפירט נישט יעצט שפירט מען שפעטער..

דער דיבור דאס איז אונזער קשר מיטן אויבערשטן, שפירסטו יא שפירסטו נישט, אבער קיין איין דיבור גייט נישט לאיבוד...

אמאל האט מען נישט געדארפט רעדן פאר ראש השנה און די ימים נוראים, ס'האט געברענט א התעוררות פון זיך אליין, דאס איז געווען די מציאות.

אזוי ווייט אז איך געדענק נאך אז מען פלעגט האלטן די קלייטן אפען [בימי אלול] נישט מער ווי אנדערהאלבן שעה, כדי מען זאל האבן וואס צו עסן, און נאך אנערהאלבן שעה האט מען פארמאכט די קלייטן און געגאנגען אין [ביהמ"ד] ישועות יעקב. די בית מדרש איז געווען אזוי געפאקט עס איז ממש נישט געווען קיין פלאץ, נישט נאר אויף צו זיצן נאר אפילו אויף צו שטיין.

אלע האבן געוואוסט אז אט קומען די טעג פון ראש השנה און מען דארף תשובה טאן, מען האט נישט געדארפט זאגן קיין 'תורות' אויף דעם ס'איז אליין געווען א התעוררת.

עס איז געווארן היינט אזא מין קאלטקייט, אבער למעשה די קאלטקייט

דארף נישט פטר'ן. טו קאלטערהייט! דאס איז א גרויסע כלל, זאג תהילים קאלטערהייט, ענטפער אמן יהא שמיה רבה קאלטערהייט, פארמער נאך א דיבור און נאך א דיבור, און פון דעם ווערט אן התעוררות. און אויב ס'גייט נישט כאטש האט מען געטאן וואס מען האט געדארפט..

ברוך השם מיר האבן א תהילים דאס איז א הכנה פאר אלעס, ס'איז הכנה לראש השנה, פארוואס מען דארף איז דאס א הכנה, מען דארף קינדער, מען דארף הצלחה די תהילים איז די הכנה פאר אלעם. ס'ליגט אין דעם יעדעס אידיש הארץ,

דעריבער איז גוט אז יעדער זאל זיך מאכן א קביעות אין תהילים, וויפיל ער קען, זאגן ווארט ביי ווארט און אויסטייטשען די ווערטער אויף זיך...

און דער עיקר איז נישט צובראכן ווערן אז מען איז קאלט, ווייל דאס איז די מחלת הדור, נישט צובראכן ווערן פון דעם. האסט א מויל? זאג, רעד... און אויב דו קענסט נישט טו און טו און פריי זיך מיט וואס דו טוסט, עס וועט זיך עפענען, ווייל קיין שום זאך גייט נישט לאיבוד.

די קאלטקייט איז א מחלת הדור, אן קיין פארוואס, מיר האבן נישט די אמאליגע ווארימקייט. אמאל האט יעדע איד'ס הארץ געברענט פאר די ימים נוראים, און היינט קען מען זיך אפילו נישט מאכן אז עס זאל ברענען דאס הארץ, דאס איז די מציאות צוליב די ירידת הדורות.

אבער מען טוט וואס מען קען, מען זאגט תהילים נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל. מען היט די אויגן, זאגן ברכות מער מיט כוונה, בענטשן מער מיט כוונה, אז די שטוב זאל שפירן, די קינדער זאלן שפירן אז עס קומט ראש השנה.

### ווי אזוי דארף מען צוגיין צום אימת הדין?

מען דארף צוגיין צו דעם, אז דער איבערשטער זאל רחמנות האבן מען זאל ווערן אנגעשריבן אויף געזונט, קינדער, און אזוי ווייטער

מען דארף אכטונג געבן נישט צו קומען צו עצבות, ענדערש א קלענערע אימת הדין ווי איידער קומען צו עצבות,....

צומאל דארף מען אפילו מסיח דעת זיין פון אימת הדין כדי צו קענען דאווענען....

דער הייליגע רבי האט געזאגט אז ראש השנה דארף מען טראכטן גוטע מחשבות, דער איבערשטער האט אונז פאריאר געהאלפן און ער העלפט אלעמען און ער אוודאי יעצט אויך העלפן, זיך איינ'חזר'ן "דער איבערשטער וועט מיר העלפן..." און דאס איז ממתיק אלע דינים, מאתערותא דלתתא איתער לעילא, אז מען טראכט גוט ווערט גוט.

גוט דארף איך וועלן אז פאר יענעם זאל אויך זיין גוט, דעמאלטס איז מען ממשיך שפע אן א שיעור.

דער הייליגע רבי האט געזאגט אז ראש השנה דארף מען טראכטן גוטע מחשבות, דער איבערשטער האט אונז פאריאר געהאלפן און ער העלפט אלעמען און ער אוודאי יעצט אויך העלפן, זיך איינ'חזר'ן "דער איבערשטער וועט מיר העלפן..." און דאס איז ממתיק אלע דינים, מאתערותא דלתתא איתער לעילא, אז מען טראכט גוט ווערט גוט.

**"דער עיקר הרגש וואס מען דארף האבן ראש השנה, איז וואס מער מען שפירט דעם רבי'ן שפירט מען מער דעם ראש השנה און די תיקונים פון ראש השנה"**



# לדעה

הגה"ה רבי שאול סירוטה שליט"א

כִּי עִקַּר הָאָדָם הוּא הַדַּעַת, וּמִי שֶׁאֵין לוֹ דַּעַת, אֵינוֹ מִן הַיִּשּׁוּב וְאֵינוֹ מְכֻנֶּה בְּשֵׁם אָדָם כְּלָל כִּי זֶה עִקַּר יִשּׁוּב הָעוֹלָם, כְּשֶׁהָעוֹלָם מְמֻלָּא מִבְּנֵי אָדָם, הַיְנוּ מִבְּנֵי דֵעָה.// אחת שאלתי מאת ה'

### ווער מאכט זיי וויינען?!

## א טיפערע ארייבליק אין די השתטחות אויפן הייליגן ציון...

### הלוואי איך גיין נאכאמאל

מנחם אב תשפ"ג. אין איינע פון די גאסן, האט א נאנטער ידיד מיינער באגעגנט איינעם פון די חשוב'ע רבנים, וואס פיל אידן דרייען זיך ביי אים, א גאון בתורה און ירא שמים מרבים, וועלכער רעכנט זיך נישט אפיציעל צווישן די ברסלב'ער חסידים. און דא הערט ער, ווי דער רב געבט אזא טיפער קרעכץ צו אים: "אוי, ווען איך וואלט נאר געהאט די זכיה ווידער אמאל צו זיין אויף ראש השנה אין אומאן...".

האב איך זיך דערוואגט, דערציילט ווייטער מיין חבר, צו פרעגן דעם רב: אפשר קענט איר מיר, מעלת כבודו, פארשטיין געבן, וואס האט אייך דארט אזוי 'געכאפט'?!

איך פארשטיי נישט קיין סאך אין די סודות התורה, רופט זיך אן דער רב מיט שארפקייט, אבער איין זאך ווייס איך יא – אז אזא ערב ראש השנה, ווי איך האב דארט מיטגעלעבט, האב איך נאך אין מיין לעבן נישט געהאט. דארט, בין איך פלוצלינג שטארק איבערגענומען געווארן מיט זארגן פון גאנץ אן אנדער סארט, ווי די וואס איך בין געווען געוואוינט ביז יענעם מאל. ס'איז געווען אן ערשטן מאל אין מיין לעבן, וואס איך בין דארט געשטאנען און געפילט אזא טיפן ווייטאג אין מיין נפש, אויף די אלע נקודות אין וועלכע איך בין נאך אזוי ווייט פון באשעפער. איך האב געפילט, ווי עס צופלאקערט זיך אין מיר אזעלכע דערהויבענע רצונות און כיסופין זיך צו מתקרב זיין צום בורא, מיט אזא שטארקייט וואס איך האב ביז יענעם מאל נישט געפילט. מיינע רוחניות'דיגע דאגות זענען מיטאמאל געשטיגן און זיך דערהויבן אויף גאנץ אן אנדער שטייגער...

איך קען נישט טראכטן פון דעם, אז דאס יאר וועל איך דא דארפן בלייבן, מיט מיין געוועגליכע, נידעריגע מחשבה...

### א וואונדער וואס ס'איז נישטא זיין גלייכן אויפן וועלט!

איינער פון די גרעסטע וואונדער וועלכע שפילן זיך אפ היינטיגע צייטן פאר אונזערע אויגן, איז אן קיין ספק דער "ראש השנה אין אומאן". רבבות פון עמך בית ישראל, צענדליגער טויזנטער פון אלע קהילות און קרייזן, חשוב'ע, דערהויבענע אידן, גדולי תורה און אויך פשוטי העם - כולם נקבצו באו לך, פארזאמלען זיך אין אומאן, צוהערנדיג זיך צום רוף וואס דער הייליגער רבי האט געלאזט הערן בקול גדול. א קול וואס דונערט נאך אלץ, און שטארקט זיך נאך אלץ פון יאר צו יאר.



עס דאכט זיך אבער, אז איינער פון די וואונדערליכסטע וואונדער אין אט דעם פארזאמלונג, איז דער פונקט וועלכער פאראייניגט דארט

גרויס און קליין צו גלייך, אויפן מקום הציון הקדוש. א זאך וואס איז נישט צום באגרייפן, אבער דאס איז א קלארער פאקט. מערסטנס, און אפילו כמעט אלע, פון די געשרייען, די קרעכצן און געבעטן, וואס הערן זיך דארט ווי א כבשן האש, ווי א ברענענדיגער קאלעך אויוון וואס שטעלט זיך נישט אפ, האבן צו טוהן כמעט נאר מיטן גלוסטעניש זיך צו דערנענטערן צו ה' יתברך און צו עבודת ה'. און דאס איז זייער א וואונדערליכער זאך.

דער השתטחות אויף קברי צדיקים, איז נישט קיין נייע ערשיינונג ביי אידישע קינדער. מאסן פון אידן לאזן זיך ארויס פון צייט צו צייט, פוקד צו זיין דעם מקום ציונם פון צדיקים, די קדושים אשר בארץ המה, סיי אין ארץ הקודש און סיי אין חוץ לארץ. און געוועהנליך שטאמט דאס אלעס פון א רצון צו פועל'ן ישועות. צרכי עמך מרובים, און די צרות הכלל והפרט שאפן אן ענגשאפט, וואס איז משפיע אויפן רצון מתפלל צו זיין ביי ציונים פון צדיקים. אזוי אז די וועלכע קומען טאקע אן צו די מקומות, גיסן דארט אויס זייערע פארוויייטאגטע הערצער, און בעטן פאר א ישועה אין גיכן אויף די פרנסה וואס האט געקראכט, על החולים שיתרפאו - די קראנקע זאלן געזונט ווערן, און אויף עלטערע קינדער וואס ווארטן צו טרעפן א גוטן זיווג, און נאך און נאך. אשריכם ישראל

און אז ס'קומט א נייער יאר, מערט זיך נאכמער דער צאל פון די אידן וועלכע קומען פוקד זיין מקום מנוחתם פון די צדיקים, ווען זייער באגער איז זוכה צו זיין צו א שנה טובה ומתוקה, א זיס יאר פון אושר ועושר, א שנת בריאות והצלחה, מיט מנוחת הנפש, ישועות און רפואות.

אבער די געשרייען וואס טוהען זיך אפ אין אומאן, געהערן צו גאנץ אן אנדער סארט. יעדער וואס האט נאר זוכה געווען דארט צו זיין, קען עדות זאגן אויף וואס עס קומט דארט פאר, אלס שטייגער, ביים חצר פון הייליגן ציון - עלטערע אידן און יונגעלייט, יונגע קינדער און אלטע אידן, שטייען אינאיינעם און שרייען און בעטן זיך אויס פאר א רוחניות'דיגע ישועה, זוכן אן עצה און א דרך ווי אזוי זיך ארויסצוזעהן פונעם יצר הרע'ס נעץ, אדער שטרעבן זיי צו טרעפן דעם ריכטיגן וועג צו קענען שטייגן נאך און נאך. טרערן ווערן דארט פארגאסן, און געשרייען שפאלטן דארט הימלען, א גאנצער מעת לעת, ארום דעם זייגער. מ'שטייט דארט צושטופט אינגאנצן, אבער מ'שטרעבט דארט נאר מיט ברענענדיגע רצונות. מ'וויל צוריקקערן בתשובה, מ'גליסט זיך צו דערהייבן און שטייגן אויפן לייטער, אויפן סולם העולה בית ק-ל. דאס איז א מחזה וואס איז נישטא נאך זיין גלייכן.

ווער ברענגט צו דאס אלעס?! ווער פלאקערט אויף אט דעם פייער?! וואס איז די זאך וואס פאראייניגט דעם כלל, און ערוועקט זייערע הערצער צו פארקלענערן די גשמיות'דיגע זארגן זייערע, וואס דרוקן זיי אויפן הארצן, אבער אנשטאט דעם דערהייבן זיי זיך און טראכטן נאר אויפן תכלית, און שטרעבן צו תשובה טוהן מיט תעצומות הנפש?!

## דער אמת'ער ביזנעס
## וועלכער באשטייט אויף אייביג

דער סוד וואס ליגט דא באהאלטן, דאס האט שוין רבינו הקדוש אנטפלעקט נאך אין זיין לעבן (שיחות הר"ן - נ"א):

"את זה תקבלו מאתי, שלא תתנו להטעות אתכם, כי העולם הזה מטעה מאד." - דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר, אז איר זאלט זיך נישט לאזן נארן, ווייל דער עולם הזה פארנארט זייער. ער האט אריינגעשיינט אין יעדער וואס קומט צו אים, א וואונדערליכער מעגליכקייט צו געדענקען פונעם אמת'ן לעבן, פון די חיי נצח. דאס איז געווען משאת נפשו, זיין שטערקסטן שטרעבן, און דאס האט ער אריינגעווארצלט אין זיינע מענטשן מיט א פעסטקייט. ער האט אויסגעלערנט און מחנך געווען, געפאדערט און געמאנט, מ'זאל יעדן טאג אוועקגעבן צייט פאר התעוררות און חשבון הנפש, און גוט געדענקען פונעם תכלית. אויך ביי אזעלכע אידן, וועלכע זענען פארפלאגט און מוטשען זיך פאר פרנסה, האט ער מחדש געווען אז זיי זאלן וועלן, שטרעבן, גארן און גליסטן זיך צו דערהייבן און זיך מתדבק זיין אינעם תכלית, און מואס זיין אין די תענוגי עולם הזה וואס איז נישט מער ווי אן עולם חולף, און זייער גאנצער ציל זאל זיין נאר דער אמת'ער ביזנעס, וועלכער באשטייט אויף אייביג.

לכאורה, זעהט עס אויס זייער איינפאך. ווער וואלט דען נישט געוואלט טראכטן איבערן תכלית? ווער וויל זיך דען צום ערשטן מאל באגעגענען מיט זיך אליין, ערשט נאך זיין יציאת נשמה פון זיין גוף, ווען ער קען שוין דעמאלס גארנישט ענדערן? אבער אין אמת'ן, איז דאס גאר א טיפע חכמה, טיפער פון טיף. ווען נישט וואס דער צדיק שטייט און באלייכט עס מיט זיין הייליגקייט, אין דעם מענטשנ'ס הארצן אריין, מיט א רוחניות'דיגער כח עליון, וואלט מען עס נישט געקענט אויפכאפן. און דאס איז צוליב דעם גרויסן פארהוילעניש און הסתרה וואס ברענגט דא אויפן וועלט, און פארפירט יעדן, און ברענגט צו צו פארגעסן פונעם תכלית און אויסוועלן אנשטאט דעם די חיי עולם הזה.

ווי מיר זעהען אין די פלאם פייערדיגע ווערטער פון רבי נתן (ליקוטי הלכות - הל' שחיטה ה-ה'):

"דאס איז די גאנצע עבודה פונעם מענטש דא אויפן וועלט, און פון גרויס פארהוילעניש

> אזוי האט מיר דער רב געזאגט: איין זאך ווייס איך – אז אזא ערב ראש השנה, ווי איך האב דארט בייגעלעבט, האב איך נאך קיינמאל נישט געהאט. דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן, וואס איך בין געשטאנען און געוויינט טיף אין מיין נשמה אריין, אויף די אלע טיילן אין מיר אין וועלכע איך בין נאך אזוי ווייט פון באשעפער. ס'האט זיך אנגעצינדן אין מיר א שטארקער ווילן און גליסטעניש זיך צו דערנענטערן צו מיין באשעפער, מיט אזא שטארקייט וואס איך האב ביז יענעם מינוט נישט געקענט.

לאו כל אדם זוכה, קען נישט יעדער מענטש זוכה זיין צו אויפדעקן די שטארקע הסתרה. דאס קענען נאר באווייזן די גרויסע צדיקים, די אמת'ע חכמים, וואס מיט זייער געוואלדיגע חכמה וואס איז אזוי אזוי טיף, ברענגען זיי אראפ אזעלכע וואונדערליכע פארשטענדענישן, וואס דורך דעם דעקן זיי אויף דאס פארשוואונדעניש, און זענען מגלה דעם אמת – אז די גאנצע וועלט איז הבל הבלים, ווי א פארבייגייענדער שאטן, און ווי דאמף וואס דאמפט זיך אויס. און זיי געבן עצות און גראדע וועגן פאר יעדן איינעם עקסטער לויט זיין מדרגה, אויף אן אופן וואס ער זאל קענען ראטעווען זיין נפש פונעם טעות וואס איז פארהאן אויפן וועלט, וואס דאס ווערט פאראורזאכט פון גרויס פארהוילעניש וואס הערשט אויפן וועלט. זיי ברענגען צו דעם מענטשן ער זאל זיך באמיהען אלע זיינע טעג, צו טראכטן נאר פונעם תכלית און פונעם סוף, ער זאל געראטעוועט ווערן פון שאול תחתיות, און זוכה זיין צו חיים נצחיים, צו אן אייביגן לעבן, און אנערקענען אינעם בורא יתברך שמו, וואס דאס איז דער עיקר פונעם תכלית.

טראץ דעם, וואס יעדער ווייסט דאך ווי פוסט און לער איז דער עולם הזה, מיט דעם אלעם איז דאס פארבארגעניש אזוי גרויס, אז ענדליך לויפט יעדער נאך דעם עולם הזה, אן זיך צוטוהן צו מאכן פונעם תכלית. און דאס איז א גרויסע חכמה און תבונה צו רעדן פון דעם יעדעס מאל, און שרייען וועגן דעם, און אנטפלעקן אט דעם פארבארגעניש. ווייל די אמת'ע צדיקים רעדן איבער דעם מיט אזעלכע הייליגע צירופים און מיט אזא טיפע חכמה, אז דורך דעם זענען זיי מעורר די מענטשן צו קענען יעדן מאל אנטפלעקן אט דעם פארהוילעניש, אויף אן אופן וואס מיט דעם אלעם זאלן זיי זיך דערוועקן פון זייער שלאף און פון זייער טעות, און זיך באמת דערמאנען ווי שטארק דער טעות פונעם וועלט איז, און אזוי וועלן זיי צוריקקערן צו השי"ת. ווייל דאס איז דער עיקר חכמה, וואס איז גרעסער ווי אלע אנדערע חכמות – צו קוקן אויפן לעצטן תכלית".

אט די חכמה און געוואלדיגע הארה, האט רבינו הקדוש שוין אויפגעטוהן אין זיין לעבן, אבער דאס איז נאך אלץ זיין באשעפטיגונג און ציל אויך נאך זיין הסתלקות – אריינצוגעבן דעם אמת און די חכמה אין די הערצער פון זיינע מענטשן, און פון די אלע וועלכע קומען צו אים – סיי דורכן לערנען זיין תורה, און סיי דורכן השתטחות אויף זיין הייליגן ציון – צו זיין מסוגל זיך צו דערהייבן איבער די הבלי העולם און זיינע צייטווייליגע גלוסטעניש, און צופלאקערן אין הארץ רצונות און כיסופין צו חיי נצח.

## זיין ציון – גענוי ווי בחיים חיותו

רבינו הקדוש האט מעיד געווען, אז ער גייט אויסהערן דאס וואס עס האבן צו זאגן די אלע וועלכע קומען צו זיין הייליגן קבר, אזוי ווי ווען ער האט נאך געלעבט. ווי עס ווערט דערציילט (ספר שיחות הר"ן – קנו):

"זייענדיג אין אומאן, האט ער געהערט אין זיין הויז דעם קול פון די וועלכע שרייען אויפן בית החיים, אויף די קברים פון זייערע אבות. איינמאל האט ער געהערט ווי א פרוי שרייט דארט אויף איר פאטער'ס קבר: טאטע, טאטע! מיט אזא ביטערן קול, און זיין טאכטער תחיה איז דאן געווען ביי אים, האט ער זיך אנגערופן צו איר און געזאגט: יענע פרוי שרייט מיט גרויס כוונה טאטע, טאטע! אין צייט וואס איר פאטער איז בכלל נישט דא. און ער האט פארענדיגט: אבער ביים צדיק, איז נישטא וואס צו חושש זיין פון אזא זאך - טאמער איז ער נישט דא, ווייל א צדיק'ס הסתלקות איז אזוי ווי ער וואלט נאר אריבערגעגאנגען פון איין צימער צום אנדערן. און דאן האט ער דאס פארגליכן פאר זיין טאכטער, אויף זיך אליין: ס'איז אזוי ווי איך געפין זיך יעצט אין דעם צימער, און דערנאך גיי איך ארויס פון דעם צימער און גיי אריין אין צווייטן צימער, און פארמאך דעם טיר נאך זיך. שטעל זיך פאר, אז דו קומסט צו צום טיר, און שרייסט דארט טאטע טאטע! וועל איך דיר דען נישט הערן?!"

איז רבי נתן דארט מוסיף: "אזעלכע סארט רייד, האט מען געהערט פון זיין הייליג מויל עטליכע מאל, ווען ער האט מרמז געווען פאר יעדן איינעם עקסטער ווי גרויס איז די מעלה פון דער וואס איז זוכה אריבערצוקומען צו זיין הייליגן, פארכטיגן ציון, ווייל געוויס וועט ער הערן זיינע ווערטער און אים ארויסהעלפן מיט וואס ס'איז נאר מעגליך". טאקע דערפאר, פועל'ט ער כבחיים חיותו פאר די אלע וואס קומען צו אים, און ער מאכט לייכטן אין זיי דעם דעת קדשו, און איז מתקן זייערע נפשות, זיי ארויסצונעמען פונעם אפגרונד צום לעבן.

דאס איז דער אנטשיידונג פונעם וואונדערליכן מיסטעריע, וועלכע קומט פאר אויף זיין הייליגן קבר. דער ארט דארט לעבט און פלאמט, פונקט ווי ביי זיין לעבן. און גענוי ווי ביים לעבן, האט ער געפועל'ט און אויפגעטוהן פאר די אלע וואס זענען געקומען צו אים, זיי זאלן באקומען פון אים די הארה פון דער גראדער חכמה, צו קענען צונישט מאכן די לעבן פונעם עולם חולף - אזוי ווערט אויך מושפע אין דעם ארט נאך זיין הסתלקות, א כח עליון, צו קענען פארשטיין דעם טיפן דערהער.

פון דעם שטאמט דער וואונדערליכער מציאות, וואס מ'קען אנטאפן מיט די הענט. דער חצר פונעם הייליגן ציון, ברענט מיט א פלאם פייער. דער גאנצער אטמאספער מאנט און ערוועקט, ווי עמיצער וואס וואלט געשטאנען איבער דיר, און געפאדערט פון דיר זיך צו דערהייבן און שטייגן, און אפשיילן פון זיך שוין אמאל דאס דרויסנדיגע, פארגרעבטע שולעכץ, און זיך באהעפטן צום אינערליכן, אייביגן גוטס וועלכע עקזיסטירט און לעבט לעולם ועד. אפילו א גשמיות'דיגע אויג, קען באמערקן דעם געטליכן כח וואס הערשט אין דעם ארט, און ערוועקט און צופלאקערט אן אמת'ער רצון זיך צו דערהייבן און צוריקקערן צום באשעפער, פון טיפעניש פון הארצן.

רבינו הקדוש ערקלערט אין ליקוטי מוהר"ן (ח"א סי' ד), אז דורכן קוקן אויפן צדיק, צינדט זיך אן אין הארץ פון א מענטש א רצון "אוועקצואווארפן אונטערן פלייצע אלע זיינע תאוות". דאגעגן, ווען ער געבט אויך צדקה דערצו פארן צדיק, שטייגט ער נאכמער, און אויך דאס שטאלצקייט און דברים בטלים ווערן דאן פארמיאוס'ט ביי אים. און אז ער רעדט זיך נאך אויך אויס זיין הארץ פארן צדיק, איז ער זוכה צו באקומען א קלארע הדרכה, וואס דער צדיק ווייזט אים אן בדרך הישר, לויטן שרש נשמתו.

אויב דאס איז וואס עס קומט פאר נאך ביים צדיק'ס לעבן, איז עס גענוי אזוי אויך נאך זיין הסתלקות, ווי דער תלמיד פון זיין הייליגן תלמיד, פארברייטערט דערויף אינעם ספר "פרפראות לחכמה" (סי' ד'). און אזוי שרייבט ער, צווישן זיינע ווערטער: "אלע מאמרים וואס ער האט מגלה געווען, אין דעם עניין פון די מורא'דיגע מעלה פון די וואונדערליכע תיקונים וואס ווערן געטוהן דורכן זיך מתקרב זיין צום צדיק... אלע זיינע רייד וואס ער האט דא גערעדט, זענען חיים וקיימים לעד. און אויך יעצט, נאך זיין הסתלקות ז"ל, קומט דאס אלעס פאר, דורך דעם וואס מ'איז זיך מתקרב צו זיין הייליגן עניין ז"ל; מ'איז זיך מתדבק צו לערנען אין זיינע ספרים הקדושים; מ'נעמט אן זיינע הייליגע עצות; מ'קומט צו זיין הייליגן ציון, און דארט דאוונט מען אויף תשובה, יראה און עבודה, בפרט ווען מ'איז זוכה אריינגערעכנט צו ווערן אינעם הייליגן קיבוץ וועלכער נעמט זיך צונויף ביי אים ז"ל, אויף ראש השנה".

## דער כח פונעם צדיק נאכמער ווי ביים לעבן

אט די זאכן, זענען אינגאנצן נישט קיין חידוש וואס שטאמט נאר פון ברסלב. דער כח פון א צדיק צו אנווייזן דעם וועג, און באלייכטן דעם אינערליכן אמת אין הארץ פון די וואס קומען צו אים, איבערהויפט אויפן מקום פון זייער הייליגן ציון, איז שוין ערקלערט אין דברי חז"ל און אין די ראשונים, ווי אויך אין די ספרי האחרונים און ספרי החסידות פון אלע

דורות. עס איז אבער צו קורץ דאס בלאט, אויף צו קענען ענטהאלטן די פילע מקורות פון זייערע הייליגע ווערטער.

פון דעם אר"י הקדוש האבן מיר אסאך ביאורים (שער הגלגולים הקדמה א' און ב') אויף דעם ענין:

"כי רוחיהון דצדיקייא או נשמתיהון באים ומתעברים באדם לסייעו בעבודת השי"ת, וכמו שכתוב ב"מדרש הנעלם" על הבא ליטהר מסייעים אותו, רבי נתן אומר: נשמתם של צדיקים באות ומסייעים אותו." - די רוחות אדער נשמות פון די צדיקים, קומען אריין אינעם מענטש, אים צו העלפן אין זיין עבודת הבורא. ווי ס'שטייט אין מדרש הנעלם אויף "הבא ליטהר מסייעים אותו", דאס וואס רבי נתן זאגט - אז די נשמות פון די צדיקים, זיי זענען די וואס קומען אים העלפן.

אויך אין ספר חרדים (פרק ע') שטייט: "אויב דער בעל תשובה וועט זאגן - ס'ערגערט מיר זייער, טאמער וועט דער יצר הרע ווידער קומען און מיר אריינכאפן, נאכדעם וואס במשך אפאר יאר בין איך געווען אונטער זיינע פיס. וועלן מיר אים ענטפערן - חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה'. ווייל דער באשעפער ישלח עזרך מקודש - די הייליגע מלאכים וועלן דיר שטיין צו הילף. און דאס איז וואס די חכמים האבן געזאגט: הבא ליטהר מסייעים אותו - ס'איז דא מאלן, וואס מ'העלפט ארויס דעם מענטש מיטן נפש פונעם צדיק, וואס ווען ער קומט זיך אויסלייטערן און רייניגן, וועט אים דער שיין פונעם צדיק'ס נפש אנזאגן אויף זיין נפש, נאכדעם וואס אויך ווען ער האט דא געלעבט אויפן וועלט, פלעגט זיין דרך זיין צו צוריקקערן רבים מעוון, פון זינד. און במילא, אויך נאך זיין פטירה וועט אים דער אייבישטער שיקן, ער זאל אריינגיין אינעם נפש פון יענעם בעל תשובה, און אזוי וועט דער איד פארוואנדלט ווערן צו א נייער מענטש", עכ"ל.

"אויב זיי האבן זיך דערטראנקען אין זייערע פילע זינד, ביז צו די טיפענישן פונעם אפגרונד, וועט קומען דאס נפש פונעם צדיק, וואס איז שוין ווי א טייל פון זיי, און וועט זיי ארויסהעלפן צו דערהייבן זייער נפש און גוף, און זיי באנייען א לב שלם, א גאנצע הארץ, צו דינען דעם באשעפער"" (יערות דבש דרוש ז')

רבינו הקדוש, מיט זיין גרויס רחמנות אויף די נפשות פון אידישע קינדער, און פון זיין גרויס מסירות נפש פאר זיי, "האט ער אנגעזאגט מען זאל אויסרופן, אז יעדער וואס גייט אין זיינע וועגן, און פאלגט זיינע רייד, און איז מקורב צו אים, זאל זיין ביי אים אויף ראש השנה, און קיין איינער זאל נישט אפוועזנד זיין" (חיי מוהר"ן - תד).

ווער ס'שווינט זיך אליין, און אנערקענט אין וועלכער גרויסער ארעסט זיין נפש געפינט זיך, און פארשטייט זיין דרינגענדן, וויכטיגן באדערפעניש צו באקומען אמת'ע כוחות פון אן אמת'ן צדיק, וואס זאל באלייכטן זיין הארץ מיט דעם ליכטיגקייט, ערוועקט זיך און קומט אהין.

ס'איז נישט צום פארשטעלן, ווי שטארק דער כח פונעם צדיק איז, וואס באנייט זיך דורכן השתטחות אויף זיין קבר. ווי די הייליגע ווערטער פון רבי נתן, אין ליקוטי הלכות (קרחה וכתובת קעקע ג-ג'):

"ווייל דורך דעם וואס ער איז זיך משתטח אויפן קבר פון דעם צדיק, און ער וויינט און בענקט זיך אזוי... דורך דעם ערוועקט ער די נשמה פונעם צדיק, און עס ווערט ווידער פארבינדן זיין נפש מיט זיין קערפער... ווייל פון דארט אויפהייבן און דערהייבן אפילו די נידעריגסטע און וויטסטע אידן, וואס זענען שוין גאר גאר ווייט, און זיי אלע מקשר זיין און ציהען צו ה' יתברך, אפילו אזעלכע וואס זענען שוין געפערליך ווייט פון קדושה.

און דעריבער איז זייער זייער א חשוב'ע זאך, צו גיין וואס מער אויף קברי צדיקים האמתיים. ווייל ווען ער קומט אויפן ציון פון א צדיק אמת, און ער וויינט דארט און איז מתפלל און זיך מתחנן דארט, דורך דעם ערוועקט ער זייער שטארק די נשמה פון דעם צדיק האמת, ער זאל ווידער באלייכטן מיט זיין שטארקן לעכטיגקייט, אויף דעם גשמיות'דיגן וועלט דא אונטן".

אויך ווער ס'איז שוין פארכאפט צווישן



דורכן השתטחות ברענגט מען ווידער אראפ די הארת הנשמה, דאס ליכטיגקייט פון די נשמה הקדושה, און דאן פארבינדט זיך זייער שטארק די נשמה מיטן גוף פונעם נפטר. און די הארה און התקשרות פון די נשמה מיטן גוף נאכן הסתלקות, איז נאך פיל שטערקער ווי דער התקשרות וואס איז געווען בחיים חיותו.

און דערפאר איז גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם. ווייל יעצט האט ער א כח צו ציהען די גאנצע וועלט, לעבודתו יתברך שמו, נאכמער ווי ביים לעבן... און דאס איז צוליב זיין געוואלדיגע, מעכטיגע און פארכטיגע מעלה, וואס איז זייער זייער דערהויבן. דערפאר קען ער אראפקומען נאך און נאך מער אונטן, און די ציין פונעם יצר הרע, קען זוכה זיין צו א געוואלדיגע ישועה אויפן הייליגן ציון, ווי רבי נתן האט אונז מגלה געווען (ליקוטי הלכות, חול המועד ד-יד):

"אפילו ער געפינט זיך שוין צווישן די ציין פונעם סמ"ך מ"ם, קען אים דער גרויסער צדיק ארויסשלעפן פון דארט, אויב מען קומט נאר אויף זיין הייליגן קבר... ווייל די פטירה פון דעם גרויסן צדיק איז זייער הויך און דערהויבן, און דווקא דעמאלס שטארקט ער זיך בכל כוחו, צו ענדיגן דאס וואס מען דארף פארענדיגן".



# שטערנדלעך

**הרה"ח ר' יעקב נתן אנשין שליט"א**

וְהַכּוֹכָבִים שֶׁנִּתְּנוּ לַהַלְבָנָה לְהָפִיס דַּעְתָּהּ, יֵשׁ לְפָרֵשׁ שֶׁזֶּה מְרַמֵּז עַל שְׁאָר אֲנָשָׁיו שֶׁהָיוּ מְקֹרָבִים אֵלָיו וְהִשְׁתַּדְּלוּ לְהַצְדִּיק אֶת הָרַבִּים
\\\\ דרך כוכב מיעקב

# א קבר וואס קען טוישן...

## ברייטע איבערזיכט אויף די נושא פון פארן צו קברי צדיקים

### ישראל הם חיים וקימים ונשענין על המתים

ביי אונז אידן, קוקט מע

נישט אויף די צדיקים וועלכע

זייער קערפער איז שוין באערדיגט אין בית החיים, ווי אויף צדיקים וועלכע האבן געלעבט און זענען שוין מער נישט דא. אדרבא, זיי זענען די וואס זענען ממשיך אונז צו דערהאלטןביים לעבן.

די "קדושים אשר בארץ המה", זיי זענען די וואס "כל חפצי בם". ווי

מיר זעהען דעם לשון פון רש"י: "לקדושים אשר בארץ המה – בשביל הקדושים אשר המה קבורים בארץ, אשר התהלכו לפניך באמת. ואדירי כל חפצי בם – הם האדירים אשר כל חפצי בם וכל צרכי נעשים בשבילם" (רש"י תהלים טז, ג). דאס מיינט, ווי רש"י זאגט, אז דווקא די צדיקים וועלכע זענען שוין נישט דא מיט אונז, און ביים לעבן זענען זיי געגאנגען אין דעם באשעפער'ס וועגן מיט אן אמת, אט די ריזיגע צדיקים זוכן מיר, און שטרעבן צו טוהן פאר זיי.

מיר אלע אידן זענען געגליכן צו א וויינגארטן, אין וועלכע עס זענען

פאראן 'טויטע' ביימער – אויסגעטרוקנטע העלצער, אויף וועלכע דאס גאנצע וויינגארטן לאנט זיך אן. זיי זענען די וועלכע האלטן אונטער די לעבעדיגע פלאנצונגען, און געבן אריין אין זיי א קראפט צו קענען וואקסן שיין און הויעך, ביז ווען זיי וועלן שוין ארויסגעבן פיינע פירות און שטרענגלעך טרויבן.

דאס זעלבע איז אויך מיט אונז, וואס אונזער גאנצע וואקסן און שטייגן

איז נאר בזכות פון די טויטע ביימער – ווי דער מדרש זאגט אויפן פסוק "גפן ממצרים תסיע": (מדרש רבה, שמות, פרשה מד פסקה א).

"אזוי ווי די לעבעדיגע

טרויבן לאנען זיך אן אויף

טויטע ביימער, אזוי אויך כלל ישראל, וואס זענען חיים וקיימים, לאנען זיך אן אויף די מתים, וואס דאס זענען די אבות. נאך וועסטו זעהן, וויפל תפילות האט אליהו הנביא מתפלל געווען אויפן הר הכרמל, אז דאס פייער זאל אראפקומען, און עס איז נישט אנגענומען געווארן. אבער אזוי באלד ווי ער האט נאר דערמאנט די מתים - די אבות הקדושים, איז ער גלייך געענטפערט געווארן. אזוי אויך ביי משה רבינו, ווען ער האט מלמד זכות געווען אויף אידישע קינדער, במשך פערציג טעג און פערציג נעכט, נאכדעם וואס זיי האבן זיך פארזינדיגט, איז ער נאך אלץ נישט געענטפערט געווארן. אבער אין די מינוט וואס ער האט מזכיר געווען די מתים – די אבות, איז זיין תפילה באלד אנגענומען געווארן."

זעען מיר, אז די נשמות פון די גרויסע צדיקים, נישט נאר וואס זיי

האבן בכלל נישט פארלאזט דעם וועלט, נאר זיי זענען נאך ווייטער ממשיך דא צו עקזיסטירן, נאכמער ווי ביים לעבן.

ווער ס'גייט אויף קברים פון רשעים, איז טאקע נישט אנדערש ווי א

"דורש אל המתים", ווייל די רשעים זענען שוין טויט אויך ביים לעבן, און אוודאי נאכן שטארבן. אבער דער וואס גייט אויף קברי צדיקים, אשר במיתתם קרויים חיים – זיי ווערן נאך גערעכנט אלס לעבעדיגע, אויך נאכן פטירה, אויף זיי האט שלמה המלך געזאגט: "וְשַׁבֵּחַ אֲנִי אֶת הַמֵּתִים שֶׁכְּבָר מֵתוּ, מִן הַחַיִּים אֲשֶׁר הֵמָּה חַיִּים עֲדֶנָה" (קהלת ד, ב) – איך וועל ענדערש לויבן די טויטע, וואס זענען שוין נפטר געווארן, ווי די לעבעדיגע וועלכע לעבן נאך. ווי דער זוהר הקדוש (פרשת אחרי, דף עא ע"ב) איז מאריך אויף דעם.

## דאס ברענגט אונז צו איין מסקנה:

"פון אט די אלע הייליגע מאמרים, זעהט

מען ווי טייער ס'איז דער זכות פון די צדיקים וועלכע זענען שוין נסתלק געווארן. אשרי האיש, וואויל איז דער מענטש, וואס פארלאזט זיך אויף זייער זכות אלע זיינע לעבנ'ס טעג, און איז זיך קיינמאל נישט מתייאש מן הרחמים, און אין אלץ וואס וועט אריבערגיין אויף אים א גאנץ לעבן, סיי אין רוחניות און סיי אין גשמיות, וועט ער זיך פארלאזן אויף זייער זכות, און אויפהייבן זיינע הענט און זיין הארץ צום בורא יתברך שמו, דאן וועט ער זיכער געהאלפן ווערן. ווי ס'שטייט: "לקדושים אשר בארץ המה ואדירי כל חפצי בם" (הקדמת הגה"ק פון טשעהרין זיע"א אויפן "תיקון הכללי").

### א רעטונג'ס ארט

פאר אונז ערליכע אידן, איז דער ציון

פון די צדיקים נישט נאר אן ארט וואס איז געאייגנט צו אנצינדן דארט ליכט, און זיך מתייחד זיין מיטן צדיק'ס זכר. נאר אין אונזערע אויגן, איז דאס א פלאץ וואו מיר קומען מעורר זיין רחמי שמים, מיר זאלן געראטעוועט ווערן פון וואס מיר דארפן געראטעוועט ווערן, און זוכה זיין צו וואס מיר דארפן און ווילן זוכה זיין.

דאס איז טאקע וואס מערת המכפלה איז

געווען פאר כלב בן יפונה – אן ארט וואו צו אנטלויפן, כדי מעורר צו זיין דארט רחמים, ער זאל ניצל ווערן פון די עצת המרגלים.

דאס איז אויך וואס קבר רחל איז געווען

פאר כלל ישראל, ווען זיי זענען ארויס אין גלות – א פלאץ וואו צו קענען שרייען און וויינען – "נהי בכי תמרורים", מאמע, טוה עפעס פאר אונז!...

און דאס איז אויך וואס דער קבר פון

משה רבינו האט געדארפט זיין פאר אידישע קינדער, ווען נישט וואס ס'איז פארהוילן געווארן, בגזירת שמים – א פלאץ וואס דורכן זיך משתטח זיין אויף זיין קבר בתפילה, וואלטן מיר שוין לאנג צוריק אויסגעלייזט געווארן.

ווי רבי חמא בר חנינא האט געזאגט:

(מסכת סוטה דף יד. בהגהות הב"ח).

# איז ראטזאם דו זאלסט אריבער־קומען אויף א קורצן באזוך אין אומאן דארט וועסטו שוין גוט פארשטיין, אז א "קבר פון א צדיק" קען דיר טוישן דיין לעבן!

צוליב וואס איז משה רבינו'ס קבר

באהאלטן געווארן פון א מענטשנ'ס אויגן?

ווייל הקדוש ברוך הוא האט דאך געוואוסט אז דער בית המקדש וועט חרוב ווערן, און אידישע קינדער וועלן פארטריבן ווערן פון זייער לאנד, און טאמער וואלטן זיי געקענט אנקומען צו משה'ס קבר, און דארט מתפלל געווען מיט בכיות און תחנונים, בעטנדיג פון משה: 'משה רבינו, שטיי אויף און בעט פאר אונז!', וואלט משה רבינו טאקע אויפגעשטאנען, און מבטל געווען די גזירה. ווייל צדיקים זענען חביב, באליבט, נאכן פטירה, נאכמער ווי אין זייער לעבן.

פון דעם אלעם פארשטייט מען, אז צו

זיין ממש אויף זייער ציון, העלפט נאך פיל מער ווי נאר צו דערמאנען זייער זכות אן ארויפצוגיין אויף זייער קבר ממש. ווייל ריכטיג טאקע, אז אויך צו דערמאנען נאר זייער זכות אליין, איז שוין אויך זייער א גרויסע זאך און העלפט זייער, אבער צו זיין ממש אויף זייער קבר, העלפט אסאך אסאך מער, אן קיין שיעור. דאס לערנען מיר ארויס פון די מאמרי חז"ל אויפן עניין פון כלב און רחל אמנו, און פונעם מאמר חז"ל וועגן דאס פארהוילן ווערן פון משה רבינו'ס קבר.

אזוי זאלן מיר אויך זוכה זיין צו גיין און זיך משתטח זיין אויף קברי צדיקים, און דארטן מערן בתפילה און אויסגיסן אונזערע הערצער ווי וואסער, כמים, נוכח פני ה'. דעמאלט וועלן מיר געוויס געהאלפן ווערן, אמן כן יהי רצון" (הקדמת הגה"ק פון טשעהרין זיע"א אויפן "תיקון הכללי").

### אומאן איז נישט קיין ע' טי עם מאשין...

און יעצט, טייערער ברודער, נעם אין אכט:

אויב האסטו געמיינט, אז אלץ וואס מיר האבן דא ציטירט ביז אהער, איז נישט מער ווי שיינע געדאנקען וואס האבן נישט קיין שייכות מיט דיין טאג טעגליכע פארמעסטונג, איז ראטזאם דו זאלסט אריבערקומען אויף א קורצן באזוך אין אומאן – – –

דארט וועסטו שוין גוט פארשטיין, אז א "קבר פון א צדיק" קען דיר טוישן דיין לעבן דאס איז נישט בלויז עפעס א טעאריע. דאס איז א מציאות, וואס אן א שיעור אידן זענען שולדיג דערפאר זייער גאנצע אידישקייט – –

***

דאס ווייסן שוין פיל ערליכע אידן:

אז אומאן, איז נישט אזוי ווי נאך עפעס אזא מין הייליגער 'עי' טי' עם מאשין' פון ישועות. אומאן, איז דאס ארט פון א צדיק וואס געבט זיך אפ מיט נשמות – פון מיר און פון דיר, און פון יעדער וואס איז נאר גרייט זיך צו טוישן...

אזוי ווי ער האט נאך ביים לעבן געזאגט (חיי מוהר"ן, שז):

"איך אליין, האב נישט וואס צו זוכן דא אויפן וועלט. איך בין דא אראפגעקומען נאר כדי מקרב צו זיין נפשות פון אידישע קינדער צום טאטן אין הימל. איך קען אבער מקרב זיין נאר דעם וואס וועט אריבערקומען צו מיר, און מיר פארציילן וואס עס פעלט אים – אזא איינעם קען איך מתקן זיין."

כדי זיך צו איבערצייגן, ווי ווייט ריכטיג די ווערטער זענען, מוז מען נישט זיין קיין ברסלבע'ר – - - פאר דעם איז גענוג צו זיין א מענטש, וואס שרעקט זיך נישט צו טוהן עפעס וואס ער איז ביז היינט נישט געווען געוואוינט צו טוהן. אזא איינער, וואס לעבט זיך נישט אפ זיין לעבן מיט הפקרות, אן צו טראכטן וועגן זיין צוקומפט, נאר צוליב אזעלכע חשבונות פון "מה יאמרו הבריות"..

## יא דו קענסט זיך טוישן!

"אין טוב להיות זקן. הן חסיד זקן, והן צדיק זקן, זקן אינו טוב" (שיחות הר"ן, נא) – ס'איז נישט גוט צו זיין 'אלט' – ס'איז צו אן אלטער חסיד, צו אן אלטער צדיק. צו זיין אלט, איז נישט גוט.

## וואס מיינט דאס?

אסאך מענטשן ווערן 'אלט', אין א געוויסן שטאפל אין לעבן. דאן הערן זיי אינגאנצן אויף צו טראכטן אויף אן אמת'ן שינוי, און פירן שוין נאר אזוי אדורך זייער לעבן, ווי בלויז איבערצולעבן... אזעלכע מענטשן, אויב האבן זיי שוין יא דערגרייכט צו עפעס

**אומאן, איז נישט אזוי ווי נאך עפעס אזא מין הייליגער 'עי' טי' עם מאשין' פון ישועות. אומאן, איז דאס ארט פון א צדיק וואס געבט זיך אפ מיט נשמות – פון מיר און, פון דיר, און, פון יעדער וואס איז נאר גרייט זיך צו טוישן...**

א געוויסער צדקות אין תורה און אין עבודת ה', ערלויבן זיי זיך שוין געוויס צו בלייבן אזוי ווי זיי זענען, אן צו שטרעבן נאך ווייטער און העכער.

אבער אויך זייער צושטאנד איז נישט אזוי שיין און גלאנציג, נאך אלץ בלייבן זיי שטיין דארט וואו זיי שטייען, נישט האבנדיג פשוט קיין צווייטע ברירה...

**ס'איז זיי שוין שווער צו גלייבן אז עס איז נאך מעגליך זיך צו טוישן, ווייל זיי האבן שוין נישט קיין כח זיך ווידער צו ענטוישן.**

אבער אין אומאן געפינט זיך עמיצער, וואס קען נישט פארטראגן קיין רוחניות'דיגע אלטקייט – נישט קיין אלטער רשע, און אפילו נישט קיין אלטער חסיד און צדיק!

ער האט די מעגליכקייט צו צוברענגען אז אזעלכע 'אלטע' מענטשן זאלן זיך באנייען, זיך מחדש זיין כנשר נעוריהם, און מיטאמאל יונגער ווערן, ווי א יונגער מענטש וועמען ס'באדערט נאך און בענקט נאך, אזא איינער וואס פראבירט נאך און זוכט ארום, ביז – ער טרעפט...

**ריכטיג טאקע, אז עס הערשט דארט א געריש און א געווירבל, פון פילפארביגע אידן, פון אלע סארטן. ס'זעהט טאקע נישט אויס פונקט ווי דיין שטיבל אדער היכל, צו וואס דו ביסט אזוי צוגעוואוינט א גאנץ יאר.**

אבער אפשר דווקא וועגן דעם, וועסטו שוין איינמאל מצליח זיין זיך צו באפרייען אביסל פון דיין אלטקייט, און אנהייבן טראכטן פון דאסניי אויף דעם וואס דו האסט זיך שוין א לענגערע צייט נישט דערוואגט צו טראכטן – זיך אינגאנצן צו באנייען...

"אבינו מלכנו, חדש עלינו שנה טובה"; "'חדש' דייקא, שנזכה לשנה חדשה דייקא, לחיות מעתה חיים חדשים" (ליקוטי הלכות, תפילין ה, כג) – באניי אויף אונז פאטער אין הימל, א נייע יאר, מיר זאלן זוכה זיין טאקע צום 'נייקייט', צו לעבן פון היינט און ווייטער א נייע לעבן, אמן.



דריי שפאנגדע

# העלדישע געשיכטעס

איבער די מסירות נפש פון גדולי אנ"ש אנצוקומען צום הייליגן רבי'נס ציון
אין די יארן ווען רוסלאנד איז געווען פארמאכט אונטערן אייזערנעם פארהאנג

## איך האב מער מורא נישט צו פארן!

### הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער זצ"ל

ווען די בני בית פונעם געהויבענעם חסיד ר' לוי יצחק בענדער האבן געהערט אז ער גרייט זיך צו פארן קיין אומאן אויף ראש השנה, - איז זיי באפאלן א ציטער און א שרעק.

געווען איז עס לקראת די הייליגע טעג יאר תרצ"ט, אין לויף פונעם פארגאנגענעם יאר האט ר' לוי יצחק באוויזן זיך צו ראטעווען אינעם לעצטן רגע פון א זיכערן טויט-שטראף, דורך א קייט פון וואונדערליכע ניסים נאך וואס ער האט געשמאכטעט אין די סאוועטישע טורמעס א לאנגע תקופה ווערנדיג באשולדיגט מיט שפיאנאזש און נאך 'הארבע פארברעכנ'ס', אלץ צוליב זיין השתדלות פאר די ברסלב'ע חסידים

שוין עטליכע חדשים וואס ער האט ענדליך געטראפן א מנוח לכף רגליו, זיך באהאלטענדיג פון די פיינטליכע שרעק אין א שטילן דערפל מיטן נאמען ביאלופאסט' אינעם געגנט פון מאסקאווע, דא האבן אים נישט געגרייכט די מוסרים פון די געגנט פון אומאן שירדו לחיו. עס איז געווען כמעט קלאר אז אויב חס וחלילה ער ווערט ווידעראמאל געכאפט איז אחת דתו רח"ל.

עס איז גרינג זיך פארצושטעלן די שרעק פון זיינע ארומיגע הערנדיג איבער זיין פעסטע באשלוס זיך ארויסצולאזן קיין אומאן, אנטיילצונעמען אינעם אונטערערדישן קיבוץ וואס ווערט אפגעהאלטן אין איינע פון די בונקערס... זיי האבן פראבירט מיט אלע כוחות אים אפצוהאלטן פון דעם געפארפולן רייזע, אבער נישט אזא איינער ווי ר' לוי יצחק וועט מוותר זיין אויפן שטארקן באפעל פונעם הייליגן רבי'ן, וועלכער האט באפוילן אויף אלע זיינע מענטשן זיך צו צאמזאמלען ביי אים ראש השנה.

אינעם מויל פון ר' לוי יצחק האט זיך געפונעם  אן ענטפער וואס מען קען נישט שטיין קעגן איר: **"איך האב מער מורא נישט צו פארן - ווי יא צו פארן!!!"**

געציילטע טעג פאר ראש השנה איז ער אנגעקומען שטילערהייט קיין אומאן, ער איז אריין צום שטוב פון איינע פון די נגידים אין שטאט וועלכער איז געווען מקורב צו ברסלב'ע חסידים און יענער האט זיך געאיילט אים צו באהאלטן אינעם קעלער פון הויז.

ערב ראש השנה פרי פארטאגס האט ר' לוי יצחק זוכה געווען זך צו משתטח זיין אויפן הייליגן ציון אינעם לעצטן מאל אין זיין לעבן... מיט איילעניש האט ער געזאגט די צען קאפיטלעך פון תיקון הכללי, זיך אויסגערעדט דאס הארץ, און נאך איידער די שטאט'ס לייט שטייען אויף פון זייער שלאף האט ער שוין פארלאזט דעם ציון אין ריכטונג פון זיין באהעלטעניש ארט...

אבער ווי נאר ער איז ארויס צום גאס זעען זיינע אויגן נישט מער און נישט וויניגער נאר דעם מסור פון שטאט, דער וואס האט געזארגט דעם פארגאנגענעם יא אים ארייננצושליידערן אינעם תפיסה גרוב, און כמעט מצליח געווען אים צו פארשיקן צום עולם שכולו טוב... אין אנהייב האט ער פרובירט זיך צו ווענדן צו זיין אידיש הארץ און אים משכנע זיין אז ער זאל נישט איבערגעבן פאר די באהערדע אז ער געפונט זיך אין געגנט, יענער האט פארשפראכן צו היטן זיין צונג, אבער זעט אויס אז ער האט נישט פארשפראכן עס אויסצופירן...  ווייל נאך זייענדיג אויפן וועג האט ר' לוי יצחק באמערקט ווי דער מסור לאקערט אים נאך כדי צו אנטפלעקן זיין באהעלטעניש ארט...

צוליב דעם איז די מנין וואס האט געזאלט פארקומען אין יענעם קעלער אריבערגעפירט געווארן צו א צווייטן ארט, און פאר ר' לוי יצחק זעלבסט האט מען באשטימט די סוכה וועלכע איז געשטאנען אינעם אונטערשטן הויף, ווי דארט האט ער זיך אויפגעהאלטן במשך די טעג פון יום טוב.

עס איז געווען ראש השנה נאכמיטאג ווען די קעי.זשעי.בי אפיצירן האבן זיך איינגעבראכן אינעם הויז צו זוכן ר' לוי יצחק, זיי האבן איבערגעדרייט דעם גאנצן אינהאלט פונעם דירה און געגנישטערט אין אלע שאפעס, ר' לוי יצחק איז דאן געשטאנען אינעם סוכה און געדאווענט בקול רם מיט גרויס התלהבות, נישט חלומ'ענדיג וואס שפילט זיך אפ נישט ווייט פון אים...

און אט דערנענטערן זיך די רשעים צום צימער וואס פירט צום סוכה... זיי האבן פרובירט נאכצוגיין דעם קול אבער דאן האט פאסירט דאס אומגלויבליכע, נאכן איבערדרייען דעם צימער ביזן גרונד, האבן זיי פארלאזט דאס הויז, ווי גלייך ר' לוי יצחק וואלט געווען א רואה ואינו נראה...

אויף די וועג אהיים איז געווען פארוויקלט מיט פיל השגחה פרטית אויף יעדן טריט, דער מסור האט אים נאכגעלאקערט ביז קיעוו, און דארטן מצליח געווען אז די פאליציי זאלן אים ארעסטירן, זיי האבן אריינגעזעצט אין תפיסה, אבער נאך א קורצע אויספארשונג איז אים געלונגען צו איבערציייגן די אויספארשער אז ער איז נישט דער מענטש וועמען זיי זוכן, און זיי האבן אים פריי געלאזט.

דער רשע האט אים ווייטער נאכגעלאקערט אבער בחסדי שמים נאך א קייט פון ניסים האט ר' לוי יצחק מצליח געווען זיך ארויסצודרייען פון זיינע לאקערנדיגע אויגן, און אנגעקומען אהיים לחיים ולשלום.

אנקומענדיג אהיים האט ער באגעגנט זיינע באזארגטע קינדער, און איינע פון די טעכטער האט אים מיטגעטיילט א פארכטיגע פאסירונג וואס האט פאסירט מיט איר אינעם פרי מארגן פון ערב ראש השנה:

די טאכטער וועלכע האט זיך דאן געפונען אינעם הויפט שטאט מאסקאווע, האט געוואלט ארויפגיין אויפן עלעקטעראנישן באן וואס פארט אויף די גאסן פונעם שטאט, און ווי נאר זי האט אנגעהויבן ארויפצוגיין און געלייגט איר פיס אויפן באן, האט זיך די טיר פונעם באן פלוצלינג פארמאכט און איר פיס איז געבליבן שטעקן אינעם באן וועלכע האט זיך אנגעהויבן גליטשן איבער די גאסן, ווען איר קערפער ווערט הילפסלאז נאכגעשלעפט אויפן רוישיגן גאס...

א האר איז געווען צווישן לעבן און טויט, אבער דאן בחסדי שמים האט זיך די באן פלוצלינג אפגעשטעלט און איר לעבן איז געראטעוועט געווארן...

"וויפיל אזייגער איז געווען די מעשה?" האט ר' לוי יצחק איר געפרעגט

"זיבן אזייגער אינדערפרי" האט די טאכטער געענטפערט.

אינגאנצן איבערגענומען רופט ער זיך אן: "פונקט אין יענע מינוטן האב איך זיך געפונעם ביים הייליגן ציון......"

# די 'חלות' פון נסיעה צום צדיק

## הרה"ח ר' שמואל טשעשיק זצ"ל

די פינסטערניש אינעם שטובל אין ירושלים קען נישט פארדעקן די ליכטיגקייט וואס איז אויסגעגאסן אויף די פנימער פון די צוויי ברודער וואס פלאקערט מיט פלאם פייער, דאס איז געווען דער קליינער שמואל טשעטשיק, וואס זיין נפש זוכט שוין יארן א וועג צו דינען דעם אייבערשטן, מיט זיין גרויסע ברודער דער למדן הרב וועלוול פון די גרויסע תלמידים פון הגרי"ז מבריסק זצ"ל.

ר' וועלוול וואס האט שוין לעצטענס אויף געכאפט די געוואלדיגע זוכניש וואס זיין ברודער האט, ער נעמט ארויס פון שאנק א ספר, ספר לקוטי מוהר"ן, ער מישט די בלעטער ווען די אויגן פון זיין ברודערל באגלייטן זיינע טריט, און אט מישט ער אויף צו די הקדמה פונעם ספר געשריבן דורך די הייליגע ר' נתן זי"ע, ער פאנגט אן ליינען.... ווען פלוצלונג הייבט ער אן טרייסלען, א פחד באפאלט אים, ער הייבט אויף זיין שטומע מיט א דראמאטישע טאן און זעצט פאר צו ליינען: "מי כמוהו מורה!---ווער נאך לערנט אויס אזוי ווי אים!---**מי כמוהו מורה!---ווער נאך זאגט אזוי ווי אים!---**"

שמואל הערט אויס און פארשטייט, די ווערטער וואס גייען ארויס מיט אן אמת און מיט א תמימות פון זיין ברודערס מויל, עס גייט אים אריין טיף אין זיין הארץ און ווייזן אים די וועג, דאס איז די הייליגע רבי 'מי כמוהו מורה' די ריכטיגע וועג אנגעפולט מיט התחדשות און האפענונג פאר א רוחניות'דיגע רייכע לעבן, ר' שמואל זוכט אויף דעם רבינ'ס לייט און ער טרעפט ר' הערש לייב ליפל, ר' שמואל שפירא, און ר' אברהם יעקב גאלדרייך, אונטער די השפעה פון די פייערדיגע עובדי ה' און צדיקים ווערט ער פארוואנדלט אין א פייערדיגע ברסלב'ע חסיד, ווען מיט די יארן ווערט ער גאר די דוגמא פאר די אינגע דור ווי אזוי א ברסלב'ע חסיד קוקט אויס, א לעבן פון עבודת ה' מיט מסירת נפש אין מירון אין ירושלים, זייענדיג אויך מחבר עטליכע ספרים.

אן עקסטערע עבודה האט ר' שמואל געהאט מיטן אויספראבירן נאך אמאל און נאך אמאל אנצוקומען קיין אומאן אויף ר"ה, ער האט געגרייזט איבער לענדער אין חוץ לארץ פאר לאנגע חדשים אויף צו באקומען ערלויבעניש אריין צו קומען אינעם סאוויעטשן פארבאנד, ער פראבירט אלע מעגליכקייט און מער פון אלעם הערט ער נישט אויף בעטן דעם אייבערשטן, זיין לעבנס וואונטש, זיין טרוים, ראש השנה אין אומאן.

עס איז סוף חודש אלול יאר תשל"ג, נאך פול ארבעט און אן שיעור השתדלות פון ברסלב'ע עסקנים באגלייט מיט אן צאל הייסע תפילות, איז א גרויסע גרופע און צווישן זיי אונזער ר' שמואל טשעטשיק מצליח צו מאכן די וועג קיין קושענעוו ווען די פלאן לויטעט פון דארט פארצוזעצן דעם וועג קיין אומאן אויף ר"ה, צו זייער גרויס צער אבער איז מעשה שטן הצליח און די רעגירונג האט זיי אפגעהאלטן פון אריין צו גיין אין אוקריינא.

ערב ראש השנה, ר' שמואל ווייסט נישט ווי זיך אהין צו טיען, אנשטאט צו ווילן ביים קיבוץ אין אומאן, אדער כאטשיג אין מירון, געפונט ער זיך יעצט אין א פרעמד פארווארפענעם גוישן לאנד, ער איז נישט מצליח זיך איינצוהאלטן קעגן זיינע געפילן וואס רוישן, ער טרעט צו צו די רוסישע פאליציי און בעט זיך ביי זיי ברחמים ותחנונים אז זיי זאלן רחמנות האבן אויף אים און אים עפענען די פארשפארטע טויערן, די גזירה איז שוין אבער פארזיגלט און די טירן בלייבן פארשפארט נישט לאזנדיג די חסידים אנקומען צו זייער ציל.

א שווערע ראש השנה איז אריבער אויף ר' שמואל און די אנדערע אידן דארט, ווען נאך די פולע פרוואוון און אימגעהויערע סכומים וואס מען האט געצאלט האט מען אין די לעצטע מינוט נישט מצליח געווען אנצוקומען קיין אומאן.

צובראכן און צושאסן בגשמיות און ברוחניות קערט זיך ר' שמואל צוריק קיין ירושלים, זיין הארץ איז צוריסן אויף שטיקלעך אויף דעם גרויסן שאדן, ער גייט ארויף צו זיין גרויסן ברודער ר' וועלוול זיך אויסגיסן זיין פארביטערט הארץ,

ר' וועלוול דער למדן זעהט וואס קומט דא פאר, און ענטפערט אים מיט א למדנ'יש קנייטש:

זארג דיך נישט ברודער'קע טייערע! עס איז דא צוויי באזונדער 'הגדרות' צוויי 'חלות'ן,, איין 'חאלויס' איז '**פארן**' צום צדיק, דער צווייטער 'חלות' איז '**זיין**' ביים צדיק ר"ה, די דאזיגע צוויי זאכן זענען צוויי עקסטערע תיקונים, אויב אזוי, האסטו זוכה געווען צו מקיים זיין דער ערשטער 'חלות', פון דיין זייט איז געווען א שלימות'דיגע 'פארן' צום צדיק, די גאנצע נסיעה האט זיך געלוינט נאר פאר דעם 'חלות'.....

די דברים היוצאים מן הלב זענען אריין אין די הארץ פון פון ר' שמואל און געטרייסט אין זיין שווערע מצב.

ניין יאר זענען פארלאפן. ראש השנה תשמ"ב האט פאסירט דאס אימגלויבליכע, ר' שמואל טשעטשיק האט זוכה געווען צו וואס עס האבן נישט זוכה כמעט אלע ברסלב'ע חסידים פון דעמאלטס, ער האט זוכה געווען אנטייל נעמען אינעם קיבוץ הק' אין אומאן, אין די הויז פון אן ארטיגע איינוואוינער ר' יצחק ראבינאוויטש וואס האט זיך מוסר נפש געווען מקיים צו זיין דעם רבינס באפעל אין באהעלטעניש, עס איז געווען גאר א שווערע נסיעה אבער מיטן אייבערשטנס הילף האט מען זיך צירוק געקערט קיין ארה"ק געזונטערהייט.

פרייליך און צופרידן מאכט ר' שמואל די וועג צום שטוב פון זיין גרויסן ברודער, ר' וועלוול איז אים מקבל בסבר פנים יפות, ער איז פול מיט שמחה אויף דעם וואס זיין ברודער האט נאך אלעם זוכה געווען צו ערפולן שפיץ פון זיינע חלומות, און מיט א פארכט ענדיגט ער אים נישט אויסרימען: אהה האסט זוכה געווען צו זיין ביי ר' נחמן אויף ר"ה! האסט זוכה געווען צו זיין ביי ר' נחמן! ווייל דאס איז דאך די גאנצע ציל מיט די גאנצע 'חלות' פון 'זיין' ביים צדיק אויף ראש השנה.

## פערציג יאר אויפן וועג

## הרה"ח ר' שמואל שפירא זצ"ל

זומער תשל"א. אט יעצט קערט זיך צוריק דער חסיד ר' שמאול שפירא פון זיין גלות ארט אינעם וויטן אמעריקע, פינף חדשים האט ער געוויילט דארט כדי צו ערדייכן ספעציעלע דאקומענטן וואס זאל אים געבן די מעגליכקייט אנצוקומען צום הייליגן ציון אין אומאן, אבער צו זיין גרויס ווייטאג דווקא נאכדעם וואס ער האט שוין געהאט דעם אמעריקאנעם פאספארט אין האנט, איז צוריקגעוויזן געווארן זיין ביטע ביי די סאוועטישע רעגירונג אים ארייינצולאזן אינעם ראטן פארבאנד, און אזוי האט ער זיך געדארפט צוריקקערן קיין ירושלים אזוי ווי ער איז געקומען.

טראץ די ביטערע אנטוישונג, האבן זיך זיינע תפילות נאך מער פארשטארקט, שוין צענדליגע יארן וואס ער פארפאסט נישט קיין טאג מיטן זאגן דעם ספעציעלן תפילה תפילה ע"ו פון ספה"ק ליקוטי תפילות, און מיטן זיך אויסוויינען דאס הארץ פאר השם יתברך אז ער זאל זוכה זיין כאטשיג איין מאל אין זיין לעבן אנצוקומען צום הייליגן רבי'נס ציון, וואס האט צוגעזאגט אן אייביגע תיקון פאר ווער עס וועט קומען דארט אין זאגן דעם תיקון הכללי.

געציילטע חדשים נאכן זיין זיך צוריקקערן קיין ארץ ישראל, אין חודש תמוז תשל"א, האט זיך אפגעשפילט אן איבערראשנדע פארשריט וועלכע האט אויסגעטרעטן דעם וועג פאר ר' שמואל קיין אומאן. דאס איז געווען ווען א גרופע ברסלב'ע חסידים האבן אויסגענוצט דאס אומערפארנקייט פון א בריטישער טרעוועל אגענט, וועלכער איז נישט געווען באקאנט מיט די שוועריגקייטן וואס די רוסן שטעלן אונטער פאר אלע וואס זוכן אנצוקומען קיין אומאן, תמימות'דיגערהייט האט ער געשיקט א ביטע צו באקומען א וויזע פאר די גרופע חסידים און צווישן זיי ר' שמואל שפירא

צו זייער גרויס וואונדער איז די ביטע גענצליך ערפילט געווארן, און אין די הענט פון די גליקליכע חסידים האבן זיך געפונען די נויטיגע דאקומענטן וואס גיבט זיי ערלויבעניש אנצוקומען ביז קיעוו.

נישט גרינג איז געווען די נסיעה פאר אזא פרוש פון אלע הבלי עולם הזה, די רייזנע האבן אים באגעגנט אין וויען גייענדיג טריט ביי טריט, אנכאפנדיג זיך זיין האנט אינעם באגלייטער זיינעם ר' יודל ליכטער, אין די צייט וואס זיינע הענט באדעקן די אויגן ווי גלייך ער וואלט ל"ע געווען א בלינדער. אויך ווען זיי האבן שוין דערגרייכט קיעוו, נאך האלטנדיג אינמיטן זיך פארמעסטן מיט די פחד וואס די קעי.זשעי.בי אפיצירן האבן ארויפגעלייגט אויף זיי, האט ר' שמואל נישט אראפגענומען די הענט פון די אויגן.

זיי זענען אנגעקומען צום האטעל 'דינעיפער' אין צענטער פון שטאט קיעוו, עס איז געווען שפעט ביינאכט, אבער ר' שמואל לייגט זיך נישט שלאפן, א קלייניגקייט? ער איז דאך יעצט אינמיטן וועג צו דעם צדיק וואס אזוי אנגעזאגט צו אויפשטיין חצות...

צומארגנס האט זיין באגלייטער ר' יודל אנגעהויבן מאכן השתדלות אויסצופירן דעם ציל פון זייער נסיעה און זיך ארויסלאזן צום עיר הגעגועים אומאן. טראץ וואס די באשטעטיגונג וואס זיי האבן פארמאגט האט זיי נישט ערלויבט צו רייזן קיין אומאן, האט ער פרובירט זיין מזל און זיך געוואנדן צום 'אינטוריסט' אגענט מיט א תמימות'דיגע בקשה: "מיר ווילן באזוכן אין אומאן!"

דער אגענט הערט אויס זייער פארלאנג מיט א פארזיגלטן געזיכט, און ענפערט זיי אז זיי וועלן נאכקוקן די זאך און נאכמיטאג וועט ער זיי געבן תשובה. עס איז גרינג זיך פארצושטעלן די אנגעצויגנקייט וואס האט באהערשט די חסידים וואס האבן אינוועסטירט געלט און מוטשעניש און זיך מוסר נפש געווען ביז אהער... אבער נאכמיטאג איז אנגעקומען דעם אומערווארטעטע געוואונטשענע ענטפער: "מארגן פארטאגס וועלן מיר ענק נעמען קיין אומאן!!!"

א גאנצע נאכט האבן זיי נישט געקענט שלאפן, סיי פון גרויס התרגשות און ווי אויך אויס זארג אז די רוסן וועלן נישט איינהאלטן זייער צוזאג און אנשטאט קיין אומאן וועלן זיי זיי ארויסטרייבן פון לאנד אזוי ווי זיי האבן שוין געטון מיט אנדערע אין די פארגאנגענהייט.

בחסדי שמים איז אבער דער צוזאג יא אויסגעפירט געווארן, אין א פריע פרימארגן שטונדע איז ערשינען א פראכטפולע קאר וועלכע האט געפירט די גרופע קיין אומאן. די קאר איז אנגעקומען אויפן גאס פאשקינע ביים ווינקל פון בילינסקי מען זעט שוין דעם טויער פונעם ציון, אבער די מניעות זענען נאכנישט פארביי...

די גויטע די מרשעת וועלכע האט געוואוינט נעבן ציון, האט זיי נישט געוואלט אריינלאזן אן קיין אפציעלע ערלויבעניש פון די רעגירונג. די חסידים פארלירן נישט קיין צייט, זיי הייבן אן זאגן דעם תיקון הכללי דא ביים טויער, ווער ווייסט אויב זיי וועלן באוויזן אנצוקומען אינעווייניג, קודם וואס איז זיכער איז זיכער...

פון דארט זענען זיי געפארן צום בנין פון די שטאטראט ווי דארטן האבן זיי באקומען דעם געפאדערטן דאקומענט, און ענדליך טרעפט זיך ר' שמואל טרעטן אין די ד' אמות פונעם הייליגן ציון, די שפיץ פון זיין בענקשאפט, אויף וועלכע ער קוקט שוין ארויס אזויפיל יאר...

ר' שמואל האט צוגעטרעטן מיט א חרדת קודש צום פלאץ פונעם ציון, ער האט אנגעהויבן 'הריני מקשר' און פארגעזעצט צו זאגן דעם 'תיקון הכללי' ווארט ביי ווארט, פרובירענדיג איינצוהאלטן זיין התרגשות און געפילן וואס קאכן אין אים"

**"לקדו - שים אשר בא - רץ ה - מה -"**
**"לקדו - - שים אשר בארץ -........."**

און דאן האט ער אויסגעבראכן אין א שרעקליכע געוויין, טייכן טרערן וועלכע זענען געווען איינגעהאלטן אין אים יארן לאנג האבן אויסגעפלאצט, די גאנצע חצר איז איבערגעדרייט געווארן אויף א קאכעדיגע טאפ, נישט באוויזנדיג זיך צו בארואיגן א לאנגע צייט.

נאכן זיך שטארקן האט ער שווערליך באוויזן צו פארענדיגן דעם תיקון הכללי, די תפילה נאכדעם, און נאך תפילות און בקשות, נישט אין אכט נעמענדיג וואס שפילט זיך אפ ארום אים, און אויך ווען דער דרייווער האט זיך געבעטן אז עס איז שוין שפעט און מען מוז צוריקפארן קיין קיעוו, האט מען מיט גרויס שווערקייט אים באוויזן צו אוועק שלעפן פון זיין לעבנ'ס ארט.

ארויסגייענדיג פונעם חצר האט זיך ר' שמואל אנגערופן צו זיין באגלייטער: "פערציג יאר ווארט איך שוין און בענק ארויס אויף דעם גרויסן טאג......."



# ספרה נא לי את הגדולות





# א מופת בין איך

וואונדערליכע מופתים פון אמת'ע נצחיות'דיגע
ישועות וואס האבן זיך אפגעשפילט ביים
פאבריק פון תשובה ביים ציון הקדוש אין אומאן

ערשטהאנטיג
איבערגעגעבן
פון קראנטע מקורות

## די צוויי מאל וואס איך בין געווען אין אומאן טראגט מיר היינט ווייט ווייט

א חבר מיינער הרוצה בעילום שמו, האט מיר פארציילט גאר אן אינטערעסאנטע חלום וואס האט זיך אים געחלומ'ט, יענער איז נישט קיין בעל דמיון און ווייט פון א בעל החלומות אבער אזא מעשה האט ער געהאט.

די מעשה איז, אונז האבן געהאט א חבר וואס ער האט געהייסן שמואל הארוויץ, ער איז געווען א ברסלב'ער פון די חבורה פון נזר ישראל, ער האט געוואוינט אין וויליאמסבורג און ער האט געליטן צען יאר פון יענע מעשה, מ'האט נישט געוואסט ער האט עס געהאלטן מורא'דיג בסוד, ער איז אוועק כ"א אדר א', אינעם טאג פונעם הייליגן רבי ר' אלימלך'ס יארצייט, פאריאר תשפ"ד. ער איז געווען א יונגער מענטש ער איז אוועק אין די פערציג'ערס, איך געדענק נישט פונקליך ווי אלט ער איז געווען, בערך אין די געגנט פון פערציג.

ער האט גענומען זיין זון פאר די זיבן אין אומאן במסירות נפש, ער האט געהאט מורא'דיגע מניעות, מ'וועט נישט אריינגיין פונקטליך דא, אבער ער האט עס דורכגעמאכט ווי מ'זאגט. למעשה פלעגט ער נישט קומען יעדע יאר אויף ראש השנה ס'איז געווען זייער שווער פאר אים וועגן פארשידענע זאכן בעיקר וועגן יענע מעשה, אבער ער איז געקומען למעשה צוויי ראש השנה'ס, נישט צוויי יארן און איין צי, נאר במשך פון די יאר'ן איז ער געקומען צוויי יאר. און זייט עס איז געווארן די מלחמה איז ער בכלל נישט געקומען סיי וועגן יענע מעשה און צו דעם האט ער נישט געקענט פארן די לאנגע וועגן, בכל אופן למעשה איז ער געקומען צוויי יאר.

זייט ער איז אוועק איז ער געקומען צו עטליכע חברים אין חלום אויף פארשידענע אנדערע זאכן, איינמאל איז ער געקומען צו א חבר און געבעטן מען זאל לערנען פאר אים א משנה אינמיטן די נאכט... איינמאל איז ער געקומען צו א צווייטן אז ער זאל אים מוחל זיין... און אזוי צו נאך עטליכע, אינטערסאנטע זאכן איז געווען מיט אים אין חלומות, ארום דריי פיר חברים האבן זיך געחלומ'ט פון אים דורך אויס די לעצטע פאר חדשים יעדער איינער מיט זיינע זאכן.

ס'איז געווען דעם פארגאנגענעם ערב שבת סליחות - נצבים וילך תשפ"ד, איז געווען א איד א חבר אונזערע פון דא אין וויליאמסבורג, ס'איז געווען ערב שבת בערך דריי אזייגער נאכמיטאג האט ער געכאפט א דרימל פאר צוואנציג מינוט, א קורצע דרימל, ער איז ניטאמאל אינגאנצן איינגעשלאפן ער איז געווען אזוי נים ולא נים - האלב'דיג איינגעשלאפן, זעט ער דעם שמואל הארוויץ, און ער איז אזוי אנגעטוהן מיט די שטריימל שוין מיט בגדי שבת, און דער חבר פרעגט שמואל וואס טוט זיך היינט וואס טוט זיך וועגן אומאן, זאגט ער יא איך פאר, איך פאר אויף אומאן... פרעגט ער דו לעבסט שוין נישט ווי אזוי קענסטו פארן?

**"ענפערט ער אים אזוי די צוויי מאל וואס איך בין געווען אין אומאן אויף ראש השנה טראגט מיר היינט אזוי ווייט... ער האט נישט אויסגעפירט, ער האט אזוי געמאכט מיט די הענט, אזוי ווייט ווי איינער איז מפליג, אבער איך קען דיר נישט זאגן קיין פרטים ווייל ס'וועט זיין ביטול הבחירה... - דאס איז געווען די ווערטער וואס ער האט אים געזאגט - די צוויי מאל וואס איך בין געווען אין אומאן אויף ראש השנה דאס טראגט מיר היינט אזוי ווייט אבער איך קען דיר נישט זאגן קיין פרטים ווייל ס'וועט זיין ביטול הבחירה."**

נאכדעם האט שמואל אים צוריק געפרעגט, און דו פארסט קיין אומאן? האט ער אים געענטפערט יא, און שוין דא האט זיך געענדיגט דעם חלום...

אינטערסאטנט, מ'קען נאך זען גילוי אלוקות היינטיגע דורות.

**[ר' בערל וואגשאל פון וויליאמסבורג, דערציילט אויף מערכת ברסלב חוה"מ סוכות תשפ"ה]**



## ווי קומט דער בריסקער קיין ברסלב?

פאריאר נאך ראש השנה אויפן באן אויפן וועג אהיים פון אומאן האב איך געטראפן א איד - א בריסקער איד, איך פרעג אים ווי קומט בריסק אויף ברסלב, ער איז געבליבן א בריסקער ער גייט נאך מיט די גאנצע לבוש מיט אלעס, ווי קומט בריסק אויף ברסלב?

זאגט ער מיר אז ער האט עפעס א קרוב משפחה וואס פאר פרנסה איז ער מְאַרגן נסיעות, און יארן וואס ער האט אים געבעטן אז ער זאל מיטקומען אויף א נסיעה, און ער האט נישט געוואלט, ביטול תורה, אהער אהין... ער האט נישט געוואלט קומען, למעשה איינמאל ער ווייסט נישט פארוואס יענער האט אים זייער געבעטן און אקעי ער איז מיט געפארן, דאס איז געווען א קבוצה פון אידן וואס זענען געפארן אויף קברי צדיקים און איינע פון די פלעצער איז געווען אויף ברסלב, מען איז אויך געפארן קיין האדיטש, און נאך,

אויפ'ן וועג איז געווען א גרופע פון ברסלב'ער חסידים וואס זענען געפארן אויף אומאן, ס'איז געווען פאר חנוכה האבן זיי געלערנט תורה ב' תניינא.

דער בריסקער האט זיך צוגעהערט צו די דיבורים, און עס איז אים זייער שטארק געפאלן די תורה די גאנצע בנין פון די תורה איז דאך גג על גג, טיף טיף, און ער האט אנגעפאנגען צו כאפן אביסל אפשר איז דא עפעס אין ברסלב, ער איז אנגעקומען צום רבינ'ס ציון האט ער געטראפן דארטן דעם ציון אזוי ווי עס קוקט אויס אינמיטן יאר... (מיין חבר זאגט מיר אז מ'זעט ביי א רבי'ס טיש שטייען אלע חסידים אויף די פארענטשעס און מ'קוקט נאך יעדע ריר פון רבי'ן, מ'שטייט באימה וביראה און אמאל איז דא די קליינע אייניקל ער טאנצט ארום אויף דעם רבינ'ס שויס און שפילט זיך ארום, זאגט ער אז ביי אונז איז עס אויך דא, ס'איז דא אידן וואס זענען חסידים פון רבי'ן, און ס'דא דעם רבינ'ס אייניקלעך, ס'דא אידן וואס טאנצן ארום ביים ציון זיי זענען דעם רבינ'ס אייניקלעך, דער רבי האט דאך געהאלטן אז מ'דארף זייער חשוב האלטן זיינע אייניקלעך.)

על כל פנים האט ער אנגעפאנגען צו טראכטן אז פאר דעם בין איך געקומען קיין אומאן? מ'זינגט און מ'טאנצט, און ער האט נישט געקענט אפילו דאווענען ער האט נישט געקענט גארנישט, האט ער אנגהויבן מורא'דיג חרטה האבן פארוואס ער האט עס געטוהן ער האט געפילט מורא'דיג שלעכט.

ווען ער האט שוין געוואלט אוועק גיין האט ער געוואלט דאווענען מנחה פאר ער גייט,- אזוי דערציילט מיר דער איד אויפ'ן באן,- האט ער זיך געשטעלט דאווענען, זאגט ער, מיר **אינמיטן אתה חונן האט זיך די זאך אפגעשטעלט עס האט זיך גענומען גיסן טרערן, ער זאגט מיר איך האב נישט געקענט דאווענען ווייטער, וויפיל איך האב פראבירט צו ארויס זאגן ווייטער א ווארט איז עס געווען סטאק, אין די רגע וואס ער האט געוואלט ווייטער זאגן א ווארט האט זיך גענומען פון פריש גיסן טרערן, זאגט ער אז ער ווייסט נישט ווילאנג איז ער געשטאנען און געוויינט און געוויינט און געוויינט** ער האט געזען אז ער קען נישט ווייל ער האט געטראכט אז ער וועט מוזן אויסטרעטן אינמיטן שמנה עשרה ווייל ער קען נישט, האט ער מחליט געווען אז ער וויל אויסטרעטן, דעמאלסט האט ער געקענט זאגן ווייטער, און דאס איז דאס, פון דא און ווייטער איז ער שוין געווארן מקורב, ער איז אין גאנצן מקורב דער רבי האט אים פארכאפט אין זאק

**[ר' דוד שלמה פריעדמאן פון מאנסי, אויף מערכת ברסלב חוה"מ סוכות תשפ"ה]**

## טענקיו רבי נחמן האסט מיר געראטעוועט פון עסן טריפות.

ווער ס'קומט קיין אומאן ווייסט אז איינער פון די זאכן וואס מען באגעגנט ווען מען קומט אן - אויסער שיינער מיט סאטרבאקס מיט די אלע זאכן, זעט מען א גרויסע בילד פון די לובאוויטשער רבי'ן מיט א בית חב"ד, דארט קומען יעדעס יאר לובאוויטשע שליחים און זיי דרייען זיך ארום און טיילן זייער בלעטלעך און זיי גייען צו צו מענטשן און פרעגן צו מ'וויל אנטוהן תפילין, און זיי טוהען אן תפילין.

האט מיר פארציילט א היימישער יונגערמאן וואס ער איז אויפן וועג אהיים געזעצן נעבן א ליובאוויטשער וואס איז געווען אין אומאן, האט ער אים דערציילט אזא מעשה:

האט אים אנגעטוהן תפילין, און ער איז געווען זייער זייער מרוגש, האט ער אים דערציילט פארוואס:

ער קומט נעבעך פון די ערגסטע מקומות פון די הרי החושך איך ווייס פון אינדיע איך האב נישט קיין אנונג פון ווי, און עפעס יעצט דעם זומער פאר א צייט צוריק האט אים אנגעכאפט א זשוק אז ער מוז פארן קיין אומאן אויף ראש השנה, ער דארף עס אויסטשעקן איינמאל.

שוין, ווי נאר ער האט געמאכט די החלטה האט ער אנגהויבן טראכטן ביי זיך, ס'האט אים אנגהויבן צו נאגן ביים הארץ אז ער קען נישט פארן קיין אומאן אזוי ווי ער איז, ער מוז זיך עפעס צוגרייטן ער מוז זיך עפעס אונטערנעמען א זאך אין אידישקייט, ער קען נישט קומען צו רבי נחמן אזוי פלעין, ער האט נישט געוואסט וואס ער זאל טוהן, האט ער אפגעמאכט ביי זיך אז ער גייט שוין מער נישט עסן קיין טריפות אן קיין הכשר, שוין האט ער פראבירט נאר צו עסן כשר לפי ערכו.




שטייענדיג דארטן ווי דער עולם קומט אן, איז אנגעקומען אהין אזא פרשון מיט גרויסע האר, ער האט אויסגעזען גאר גאר ווייט נעבעך, האט ער אים געזאגט העלאו שלום עליכם, און ער האט אים געפרעגט צו ער וויל אנטוהן תפילין, דער פארשון זייער נתרגש געווארן און ער האט געזאגט יא, און ער איז געגאנגען מיט אים דארט אין בית חב"ד און

יעצט ממש פאר ער האט געפארן - צי אפשר איז דאס גאר געווען אונטער וועגנס, איז ער געווען זייער הונגעריג און ער האט נישט געהאט קיין כשר'ס, האט ער געטראכט ביי זיך שוין זאל זיין... ער האט נישט געקענט עומד זיין בנסיון, און ער האט זיך אריינגעזעצט אין א טריפה'נע גוי'אישע רעסטעראנט און ער

האט באשטעלט צו עסן.

אזוי זיצענדיג דארט ווארטענדיג אז מ'זאל אים ברענגען דאס עסן זענען אריינגעקומען א גרופע שקצים דארט און זיי האבן אים געזען, ער האט בכלל נישט אויסגעזען ווי א איד נעבעך, און זיי האבן אנגעהויבן צו שרייען אויף אים דו ביסט א איד ענק ברענגען די קאראנע... זיי האבן אים זייער פארשעמט און געשריגן אויף אים, האט ער זיך אויפגעהויבן און ארויסגעגאנגען, און ער האט געזאגט "טענקיו רבי נחמן האסט מיר געראטעוועט פון עסן טריפות."

און האט ער געכאפט דעמאלטס אזא מין התעוררות פון דעם, אז ער האט אפגעמאכט אז ער דארף אנהויבן צוריק לייגן תפילין, ער האט שוין זייער לאנג נישט געלייגט קיין תפילין, יארן, אבער ער האט דאך נישט קיין תפילין איזו ואס זאל ער טוהן, האט ער געטראכט אז ווי נאר ער וועט אנקומען קיין אומאן גייט ער די ערשטע זאך זוכן תפילין, און ער איז אנגעקומען האט אים דער ליובאוויטשער גלייך געפרעגט צו ער וויל לייגן תפילין, איז ער זייער מרוגש געווארן און ער האט געלייגט תפילין...

**[הרב ר' משה אהרן שטויבער פון מאנסי, אויף מערכת ברסלב]**

## געראטעוועט פון פארברענט ווערן

סוכות תשע"א בין איך געווען ביי א איד אין סוכה אין ארץ ישראל, איז געווען דארט איינער וואס האט זיך אויפגעשטעלט און דערציילט א מעשה און ס'איז א מורא'דיגע מעשה:

זאגט ער עס איז געווען א היימישע בחור וואס ער האט חתונה געהאט מיט א היימישע מיידל און זיי זענען אראפ פון וועג אויף א געפערלעכע אופן רח"ל ממש אלעס איבערגעלאזט, ס'איז געווען א יאר צוויי צוריק, קומט אריין אין בארא פארק דער וואס האט אלעס איבערגעלאזט קומט פון א סאטמאר'ע משפחה ממש ממש אלעס אפגעלאזט מיט די רעבעצין גארנישט געהיטן, איך ווייס נישט ווער איז די משפחה נאמען,

מה עשה הקב"ה, ס'האט זיך פונקט געמאכט אז זיי האבן געוואנט אין א דרויסיגע געגענט, זיי האבן אמאל אריינגעקומען דא, און א יונגערמאן טרעפט זיי פון מאנסי איך ווייס די נאמען אויכעט, א איד א בעלבאטיש'ער איד טרעפט ער זיי דארטן, פרעגט ער אים וואס זוכסטו דא, זאגט ער אים, געב א קוק איך האב ליב גאלע איך גיי אבער נישט מאכן גאלע בין איך געקומען עסן גאלע.



זאגט ער אים קוק איך פאר יעדע יאר צו **איינע פון מקומות הקודשים אויף ראש השנה** אפשר קומסטו מיט? זאגט ער עה לאז מיר אפ איך האב גארנישט מיט דעם לאז מיך אפ איך גלייב נישט לאז מיך אפ, זאגט ער אים ליסן איך צאל דיך די טיקעט גיי אהיים רעד עס איבער מיט דיין פלונית און קום צוריק, ער ווייסט נישט אהין און אהין, ער רופט אים אפאר וואכן שפעטער זאגט ער וואס טוט זיך אפשר קומסטו, זאגט ער קוק איך בין גרייט צו קומען אויף ראש השנה בתנאי אז דו גייסט מיר נישט זאגן קיין איין ווארט גייסטו מיר נישט זאגן, גייסט מיר נישט משוגע מאכן גארנישט דו מאכסט מיר נישט משוגע.

ער גייט ארויס פון דארטן ער האט אים אויסגעצאלט א טיקעט זיי האבן געקומען צו די פלאץ אויף ראש השנה ביי די מקומות הקודשים, דער בחור טרעט נישט אריין אין בית המדרש אבער ער האט אפגעמאכט אז ער זאגט אים גארנישט.

ס'איז געווען סוף פון די ערשטע טאג פאר ס'ווערט די צווייטע נאכט איז דא איינע פון די גרויסע משפיעים וואס געבט א גרויסע דרשה ביי די ציון, איז געקומען דארט דער בעל דרשן און ער האט געזאגט א דרשה און דער יונגערמאן דער וואס האט אראפ פון וועג האט אים זיך פארחשק'ט און ער איז אריין געקומען און צוגעהערט די דרשה און ס'האט אים געכאפט א ניצוץ און ער האט אנגעהויבן אזוי צן בוכה'ווען ממש געוויינט און געוויינט, ער קומט צו צו זיין חבר וואס האט אימאויפגעצאלט די טיקעט און זאגט יאם איך האב שוין נישט געלייגט א טלית נעבעך איך ווייס נישט וויפל יאר טו מיר א טובה שאפ מיר א טלית איך וויל דאווינען מארגן מיט א טלית, ער איז אריינגעגאנגען דארט אין די קלויז אין די מיין בית מדרש און זיך אוועקגעשטעלט זעקס אזייגער אינדערפרי שטעלט מען זיך דארט דאווענען און ער האט געדאווענט א גאנצע דאווענען שעות לאנג ממש געבוכה'ט.

פיין ס'איז געקומען נאך ראש השנה דער איז אהיים געפארן יענער איז אהיים געפארן און ער האט גארנישט פון אים, ס'גייט אריבער א שטיק תקופה, און ער הערט נעבעך, די ברודער פון דער בחור וואס ער האט אראפ פון וועג רופן אים אן און זאגן אים געב א קוק מ'האט געטראפן אונזער ברודער ... נעבעך דערטראנקן אונזער ברודער איז אוועק רחמנא לצלן, איך בעט דיר זאלסטו קומען צו די לוויה.

ער קומט צו לוויה, און דער ווייב איז געווען נעבעך אזא מין קלאפטע, ישראל כשהן יורדין יורדין עד למטה, פון א היימישע שטוב און זי וויל ... איר מאן, זי וויל זאל מען אים חס

ושלום פארברענען, די ברודער'ס פון די מאן זענען דאך געווען היימישע יונגעלייטליך זיי זענען געגאנגען און געמאכט א שפיל אהער געדרייט אהין געדרייט און ארויס גערוקט דער נפטר פון דארטן און מ'האט אים געברענגט צו קבר ישראל.

ס'איז אריבער געגאנגען א שטיק תקופה און די ברודער'ס רופן אן די יונגערמאן וואס האט אויסגעצאלט די טיקעטס פאר די בחור וואס האט אראפ פון וועג און נפטר געווארן, און זאגן אים זאלסט וויסן דו האסט געראטעוועט אונזער ברודער, זאגט ער געראטעוועט? איך בען געווען ביי זיין לויה ער איז געשטארבן קוים צו קבר ישראל האט מען אים נישט געוואלט ברענגען וואס הייסט איך האב אים געראטעוועט, זאגן זיי איך וועל דיר דערציילן

זאגט ער, די פרוי איז געווען אזא קלאפטע אז זי האט אונז גערופן אין קאורטס אז זי וויל זאל מען אויסגראבן איר מאן און אים פארברענען רח"ל ווייל מ'האט געמאכט א גאנצע שפיל זי האט אונז געוואלט צוהען, און מ'האט געגאנגען אין קארטס און דער שופט איז געקומען און געזאגט: איך ווייס גארנישט איך ווייס נאר אין מיין רעלידזשן ווען איינער באלאנגט צו זיי וועט ער למשל די הייליגסטע טאג -להבדיל אלף אלפי הבדלות-ביי זיי גיין אין זייער טומאה, **זאגט ער לאמיר זען ווי איז דער מענטש געווען אין זייער הייליגסטע טאג וועט מען וויסן ווער און ווי ער שטייט, זאגן זיי אים ווי איז ער געווען, קוק ער איז געווען דא אין דא ביי די און די פלאץ, און זיי האבן אנגהויבן צו ווייזן וואס גייט דארט פאר פיקטשערס מיט זאכן מיט דרשות, זאגט דער שופט עס איז ברור כחמה אז אזא מענטש האט געוואלט זיכער קומען צו א קבר ישראל, און ער איז געקומען צו א קבר ישראל!!**

דער יונגערמאן וואס האט מיר דערציילט די מעשה זאגט ווי האב איך געהערט די מעשה, זאגט ער דער איד וואס האט אים אויסגעצאלט די טיקעטס פאר די בחור וואס האט אוועק נעבעך איז שוין נישט געפארן אפאר יאר צו  די מקומות הקדושים ווייל ער האט דערלייגט דעמאלטס זייער אסאך געלט ער האט אנגעזעצט אסאך געלט, און ס'איז אים געווען זייער שווער צו קומען ער האט געפילט כאילו איך האב אזוי פיל אנגעזעצט איך האב געלייגט אסאך האפנ'ס, זאגט ער נאך ס'איז געווען די מעשה איז ער געקומען נאכאמאל איך האב אים געטראפן דארטן און איך האב אים געפרעגט וואס זוכסטו דא וואס איז געשען, זאגט ער איך האב מיט געהאלטן די מעשה ווי ס'האט געברענגט פאר א איד זאל קומען צו א קבר ישראל, איך האב מחליט געווען איך קום צוריק.




[ר' לייבי פרענקל אויף איינער פון די אמעריקאנע נייעס לינעס. מיר האבן זיך נאך געפרעגט ביי וועליכע פלאץ דאס איז געווען און ער האט אונז קלארגעשטעלט אז דאס איז געווען אין אומאן]

## ערווארפט אריין א שטריק שרייענדיג כאפ זיך גוט אן...

א מורא'דיגע מעשה, א ערשט האנטיגע מעשה וואס איך האב געזען כמעט בכלי ראשון, כמעט פון די בעל המעשה אליין, ס'איז א אמת  ויציב:

עס איז געווען א בחור פון ארץ ישראל וואס ער האט געהאט נעבעך א סמארטפאון, און ער האט אנגעהויבן ווערן שוואך אין אידישקייט, למעשה ס'דא איינער אין ארץ ישראל וואס פאר $148, די גימטריא פון דער הייליגער רבי'ס נאמען, געבט ער א טיקעט אויף אומאן, מ'דארף צאלן נאר די ביליגע פרייז און מ'קען באקומען א טיקעט נאר פאר די וואס האט קיינמאל נישט געווען דער וואס פארט א ערשטע מאל אין אומן אויף ראש השנה קען באקומען פאר אזוי ביליג.

למעשה דער בחור האט אפגעמאכט ער וויל פארן פארוואס נישט, ראש השנה צו זיין ביים רבי'ן איז מער אינטערסאנט ווי צו בלייבן אין ארץ ישראל, ער וויל פארן, שוין האט ער געפארן, ס'האט געקומען ערב ראש השנה ער איז געווען דארט ביים הייליגן ציון, ער האט געגעבן א פרוטה פאר צדקה און ער האט געזאגט תיקון הכללי, און ער האט געטראפן דארטן לעבן אים שטיין איינער פון די גרויסע משפיעים אין ברסלב, און ער זאגט פאר די משפיע איך וויל א ברכה, לכבוד די נייע יאר וויל איך א ברכה, ווייזט אים די משפיע קוק דו האסט דא א סמארטפאון איך קען דיר נישט געבן קיין ברכה, זאגט ער דער בחור, - דער אייבישטער האט אזוי געמאכט אז ער האט אריינגעלייגט אין קאפ פון דער בחור איך ווייס נישט פארוואס, אבער דער בחור האט זיך איין געקשנ'ט איך מוז באקומען א ברכה האט ער אים געזאגט דו האסט דאך א סמארטפאון איך קען נישט דיר געבן א ברכה, האט דער בחור געזאגט איך גיי עס צוברעכן רבי געב מיר א חודש צייט איך צוברעך עס, שוין האט ער אים ווארים אנגעווינטשן.

ס'איז אריבער נאך ראש השנה, מסתמא ראש השנה האט ער געהאט אסאך הרהורי תשובה, אבער למעשה נאך ראש השנה ער האט אהיים געפארן ער האט פארגעסן פון אלעס, ער האט פארגעסן אז ער האט געזאגט אז ער גייט עס צוברעכן, שוין אזוי איז אריבער יום כיפור סוכות.

למעשה איז געקומען ראש חודש חשון, ליל ראש חודש חשון פונקטליך א חודש זייט ער האט געזאגט אז ער גייט עס צוברעכן, און ער האט זיך געלייגט שלאפן, און ער חלומ'ט זיך א שרעקליכע חלום, ער חלומ'ט זיך אז ער איז שוין א אלטער איד ער שטייט שוין ביי די בית דין של מעלה ביי יענע וועלט, ער שטייט דארט מיט נאך צוויי חברים, יענע חברים וואס ער האט געהאט וואס האבן אויכט געהאט סמארט-פון'ס, און אלע דריי

שוין עלטערע מענטשן שטייען דארטן ביי בית דין של מעלה, און מ'פירט קודם די ערשטע, פארוואס האסטו געהאט א סמארטפון היתכן? האסט א סמארטפון פארוואס? ווי די היתר? ווי די תירוץ?, יענער מענטש האט נישט געהאט וואס צו ענטפערן און גלייך האט זיך געהעפנט אינטער איך א ריזיגע לאך און מ'האט אים אריינגעווארפן אין די לאך און ער איז געווערן איינגעשלונגען אין א ריזיגע פייער, דער צווייטער מענטש האט מען אויכט געפרעגט פארוואס האסטו געהאט א סמארטפון היתכן ווי האסטו זיך געווארגט צו האבן אזא כלי דער אייבישטער לאזט נישט, דער בחור האט נישט געהאט וואס צו ענטפערן, און די זעלבע זאך ס'האט געגעבן א העפן אויף די ערד אונטער די בחור און מ'האט אים געגעבן א שטופ אריין און ער האט געווארן איינגעשלונגען אין א ריזיגע פייער.

יעצט האט מען געקומען צו דעם בחור, און מ'האט אים געפרעגט ווייטער, היתכן ווי האסטו זיך דערוואגט צו האבן א סמארטפאון דער אייבישטער לאזט נישט, שוין דער בחור האט אויך נישט געהאט וואס צו ענטפערן, און מ'האט אים אויכעט כמעט אריינגעווארפן, מ'האט אים שוין אנגהויבן צו ארייינשטופן, אינמיטן האט זיך דער בחור דערמאנט אז ער האט געזאגט אז ער גייט עס צוברעכן, האט ער געזאגט, איך גיי עס צוברעכן איך גיי עס צוברעכן, ער האט זיך דערמאנט אז ער האט געזאגט אז ער גייט עס צוברעכן.

אינמיטן האט ער געזען שטייט א הייליגער געטליכער געשטאלט, א הייליגער מאן א צדיק, האט ער געזען אז דעס איז נישט מער און נישט ווייניגער ווי דער הייליגער רבי, געשטאנען דארטן און דער הייליגער רבי האט אים אויכט געפערגט ווי קען זיין אז דו האסט א סמארטפאון, האט אים דער בחור געזאגט, רבי איך האב געזאגט אז איך גיי עס צוברעכן, האט ער געזאגט יא אבער דו האסט עס קיינמאל נישט צובראכן, האט דער בחור געזאגט אבער רבי יעצט גיי איך עס טאקע צוברעכן, ער האט זיך געבעטן ברחמים די לעצטע מינוט דער רבי זאל אים ראטעווען, האט דער רבי גענומען א לאנגע לאנגע שטריק ער האט עס אראפגעווארפן ביז וואו ער איז געווען, ער איז נאכנישט געווען אין די פייער אבער ער איז שוין געווען אין די לאך, און דער רבי האט אים געגעבן די שטריק, און דער רבי האט אים געגעבן א זאג כאפ זיך גיט אן כאפ זיך גיט אן, **און דער רבי האט אנגהויבן שלעפן און שלעפן געצויגן געצויגן ביז דער בחור איז ארויסגעקומען** און ביז דער רבי האט אים גענומען און אים אוועקגעלייגט נידריגער און נידריגער ביז דער רבי האט אים אריינגעברענגט אין די וועלט, און ביז די נשמה גייט אזוי אריין אין די גוף אין זיין בעט ווי ער האט געשלאפן, און ער געבט זיך א כאפ אויף און ער זעט אז ס'איז צוויי אזייגער ביינאכט, און ער האט אנגעהויבן גלייך צו שרייען טאטע מאמע ברענג מיר א האמער ברענג מיר א האק איך וויל צוברעכן מיין סמארטפאון.

די עלטערן האבן נישט געוואסט וואס טוט זיך מיט זייער זון, וואס גייט פאר מיט אים, זיי זענען נישט נתפעל געווארן פון גארנישט, **ער האט אויפגעשטאנען נאך מיט די פיזשאמעס האט ער געלאפן און געברענגט א האק, און אנגהויבן צוהאקן זיין סמארטפון זעצן שטויסן שטופן מיט טרערן אין די אויגן, ס'האט אים זיך געגאסן טרערן אין די אויגן, ער האט זיך נישט נאכגעלאזט ביז ס'איז געווארן אינגאנצן צושמעטערט און צוזעצט.**

**נאכדעם האט זיך דער בחור זיך גענומען אין די הענט אריין ער האט זיך גענומען לערנען זייער פלייסיג און היינט זיצט ער און ער לערנט פלייסיג אין ישיבה, א מתמיד עצום**, א מורא'דיגע מעשה דאס, ס'איז א מעשה וואס איז געשען ממש א יאר צוריק, ראש חודש חשון תש"פ ווען ער איז געווען ראש השנה, ממש א יאר צוריק.

זכותו הגדול והקדוש פון דער הייליגן רבי'ן זאל מליץ יושר זיין אויף אונז אלע און ניצחתי ואנצח גמרתי ואני אגמור, דער אייבישטער זאל אויספירן.

## איך פרעג אים די מי־לאן דאלארדיגע פראגע וואס זוכסט דא?? זאגט ער: איי דאונט קנאוי!!

די צווייטע טאג ראש השנה האב איך געגעסן די סעודה אינדערפרי ביי די הכנסת אורחים פון פעדער, וואס דארטן איז א גרויסע פלאץ ווי טויזנטער מענטשן עסן, איך האב געוואלט מאכן א שנעלע סעודה פאר מיר אליין האב איך זיך אראפגעזעצט ביי א ווינקל און אנגעהויבן עסן די סעודה, איך האב נישט געפלאנט צו זיין דארטן צי לאנג, און אינמיטן זעצן זיך אראפ קעגן מיר צוויי מענטשן, איינער האט אויסגעזען ווי א פרומער ליטווישער בחור, און דער אנדערע האט אויסגעזען ווי א פרייער מיט אן אינטערסאנטע מין טראגע, ווען 'מזעט אים סתם אויף די גאס זעט מען נישט אויף אים קיין זכר צו א איד, אינגאנצן פריי נעבעך

זיי זעצן זיך אראפ, און מ'הייבט אן ציען א שמועס, דער פרייער האט אויסגעזען גאנץ באקוועם היימיש, מ'האט אנגהויבן שמועסן ובתוך דבריו האט מיר דערציילט אביסל זיין היסטאריע, דערציילט ער מיר אז ער איז בעצם א בחור וואס האט אויפגעוואקסן אין א היימישע פרומע ליטווישע שטוב אין פסעיק ניו זשערסי, ס'דא דארט א גרויסע ליטווישע קאמיונעטי, און ער איז געווען בעצם א חשוב'ער בחור, - במשך די שמועס האב איך געזען טאקע אז ער איז א קלוגער בחור ער קען זייער גוט לערנען ער איז א למדן, און ער דערציילט מיר אז ער איז געווען אין ישיבה ער האט נישט מצליח געווען און ערגעץ ווי האט ער ארויסגעדראפט פון ישיבה מ'האט



אים ארויס געוואָרפן און פון דארטן איז ער געגאנגען נעבעך מטה מטה ביז ער האט זיך דערקייקלט ווי ער איז יעצט, יעצט וואוינט ער אין ארץ ישראל אין א פרייע געגענט, שוין צוויי און האלב יאר וואס ער וואוינט דארטן.

ער זאגט מיר מיט א ביטערע שמייכל: "אין די צוויי און אהאלב יאר האב איך נישט געטוהן קיין איין אייניציגע אידישע זאך איך האב גארנישט מיט אידישקייט, איך האב נישט פיינט קיין אידן אבער איך האב פיינט חרדים..." ער זאגט אז ער האט זייער ליב די אידישע פאלק אבער ער האט זייער פיינט די אידישע רעליגיע, ער גלייבט אין די ציוניסטישע אידיאלגיעס, אבער נעבעך ער איז אינגאנצן פריי, ער היט נישט, נישט קיין תורה נישט קיין מצוות, ער איז נעבעך א רחמנות ווייל ער איז א למדן און ער קען גוט לערנען און ער ווייסט פונקליך וואס מ'טאר נישט און די איסורים און די אלע זאכן... על כל פנים ער דערציילט מיר נעבעך די אלע זיינע מעשים טובים וואס ער טוט דארטן, ער לעבט א פרייע לעבן, א לעבן פון ליידיגקייט א לעבן פון גאר גאר גאר געמיין, ער זאגט מיר אפילו יעצט איך היט נישט נישט קיין תורה און נישט קיין מצוות, אלע עבירות שבתורה.

און איך האב אנגהויבן שמועסן מיט אים, איך פרעג אים וואס איז די זאך וואס דריקט אים, זאגט ער מיר איך וועל דיר זאגן די אמת, ליידער איך ווייס נישט צו מ'מעג עס איבער זאגן דא, ליידער גלייבט ער נישט אין גארנישט, ער גלייב נישט אין גיהנום נישט קיין גן עדן, ער גלייבט אז ס'איז דא א אייבישטער אבער ער זאגט ס'זייער שווער, איך האב זייער ליב צו ענדזשיען די וועלט.

איך פרעג אים ווי וואוינט ער אין ארץ ישראל, זאגט ער, ער וואוינט ביי עפעס א קאזין, וואס דער קאזין איז אזא אנטי חרדי, אז ער האט א הונט, דער הונט איז געטרעינט אז ווען מ'זעט א חרדי בילט עס, די הונט איז געטרעינט צו אטאקירן חרדים און ער לעבט ממש אזא מין די ערגסטע, אין ארץ ישראל זעט מען אזעלכע מינע חברה וואס האבן ממש א שנאת עמי הארץ צו א תלמיד חכם, אזא מין, מ'קען עס זען נעבעך.

איך האב זיך נישט געקענט איינהאלטן, איך פרעג אים די מיליאן דאלער פראגע, "איז וואס ברענגט דיר דא אהער???" ער קוקט מיר אן ער שמייכלט און ער ענטפערט מיר נישט געהעריג. איך בין געוווען זייער נייגעריג, וואס האט אים געברענגט צום רבי'ן ער ווייסט דאך אז דא איז נישט קיין פלאץ וואס איז דא פאן, פרעג איך אים: "וואס האט דיר דא אהער געברענגט."

שוין זאגט ער מיר, דו ווייסט איך וועל דיר זאגן, די תירוץ פאר די שאלה איז 'איי דאנט נאו', פרעג איך אים וואס הייסט?, זאגט ער איך וועל דיר זאגן, דו זעסט דער בחור וואס זיצט דא נעבן מיר ער איז א פרומער, ער האט געלערנט מיט מיר בחברותא אין ישיבה, ער איז א פרומער ערליכע בחור און אונז האבן געהאט עפעס א שטיקל קשר, כמעט וואס איך האב נישט אנגעהאלטן מיט אים אבער עפעס א שטיקל קשר, און ער האט מיר געהאט געפרעגט אמאל אפשר קומסטו קיין אומאן, האב איך אים געזאגט דו ביסט משוגע איך היט נישט, נישט קיין תורה, נישט קיין מצוות, גארנישט...

אזוי איז אריבער א שטיק צייט  צוויי דריי



וואכן פאר ראש השנה איז מיר אויסגעקומען אז איך בין געווען אין עפעס אין בית שמש סתם עפעס צו דעליווערן, איך האב געדארפט אריין גיין אין עפעס א שול אויפפיקן עפעס, איך בין שוין נישט געווען אין שול א לאנגע צייט, בין איך אריין אין בית המדרש, איך קום אריין דארט הער איך ווי איינער געבט א שיעור, איך הער זיך צו א מינוט און און איך הער ווי יענער רעדט פון די ענין פון אומאן ראש השנה, טראכט איך צו מיר אך די חרדים זיי האבן נישט וואס צוטוהן זיצן אין שול.

אינמיטן געבט זיך יענער דרשן א רוף אן צו מיר ער האט מיר געזען אריינקומען, פרעגט ער ווי גייסטו זיין ראש השנה, איך קוק אים אזוי אן מיט אזא ... וואס פרעגסטו וואס האב איך מיט ראש השנה, און יענער זאגט אים, זיי נישט נאריש קום קיין אומאן וואס האסטו

צו דערלייגן קום קיין אומאן, איך האב אים אנגעקוקט אזוי ווי ער איז אראפ פון לבנה וואס האב איך מיט אומאן, אבער איך ווייס נישט **פון ווען איך האב ארויס פון די שול און די ווערטער האט מיר געהאלטן אין איין קלינגען אין קאפ יענער האט מיר געזאגט קום קיין אומאן, ס'האט עפעס אנגהויבן עסן איך ווייס נישט וואס אבער איך האב געפילט, ער האט נישט געקענט מסביר זיין ער זאגט דאס איז אזא וואונדרליכע זאך, ווייל איי דאנד נאו ווער ער איז, און איך האב געפילט ווי איך מוז קומען קיין אומאן, איך מוז קומען,** שוין איך האב געטראכט יא ניין א גאנצע צייט האב איך געטראכט וואס האב איך אין אומאן וואס איך האב דאך עפעס - זאגט ער - עפעס איז אריינגעגאנגען אז איך האב געפילט איך מוז קומען קיין אומאן, שוין

ער זאגט איך ווייס נישט איך האב געגרופן עפעס א היימישע טרעוועל אגענט וואס פירט אן נסיעות, און יענער האט אים געפרעגט צו ס'איז דא טיקעט'ס ... ס'איז געווען נאך צוויי דריי וואכן פאר ראש השנה זאגט ער יא ס'דא א טיקעט, זאגט ער ווייסט וואס מאך מיר א טיקעט איך וועל זען צו איך וויל קומען אז נישט וועל איך עס קענסלען.

זאגט ער, ס'איז אריבער געגאנגען די צוויי דריי וואכן, א גאנצע טאג איז אים געזעצן די ווערטער קום קיין אומאן קום קיין אומאן איך האב נישט געקענט פטור ווערן פון דעם איך ווייס נישט וואס דאס איז, איך האב א גאנצע צייט געטראכט איך האב נישט גארנישט מיט תורה מיט מצוות איך האב נישט גארנישט מיט קיין חרדים איך האב אריין ביימיסטייק אין א שול און יענער זאגט קום קיין אומאן קום קיין




אומאן ער ווייסט נישט וואס יענער וויל.

שוין זאגט ער קומט פאר ראש השנה ווען ער האט שוין געדארפט פארן און ער זאגט איך האב געטראכט אוקעי לאמיר גיין איך ווייס נישט יא גיין נישט גיין בקיצור איך רוף אן יענער טראוועלעיזשן און ער האט געוואלט וויסן טשעקן אויף זיין טיקעט איז נאך קיים אויב ס'נאך דא די טיקעט, יענער זאגט אים איך ווייס נישט וואס דו רעדסט דו האסט נישט קיין טיקעט, זאגט ער וואס הייסט איך האב געמאכט, איך ווייס נישט איך זע נישט דיין נאמען אין די סיסטעם, שוין איך האב אראפ געלייגט די טעלעפאן זאגט מיך יענער און איך האב זיך זייער געפרייט פיין איך האב נישט קיין טיקעט דארף איך נישט גיין, זאגט ער, וואס מיינסטו ס'האט מיר גארנישט געהאלפן איך האב א גאנצע צייט ווי עפעס צוט מיך איך מוז קומען קיין אומאן, איך האב פראבירט צו מאכן א נייע טיקעט און דעמאלטס איז שוין נישט געווען קיין שום טיקעט, און איך האב געזוכט און געזוכט, און איך האב א גאנצע צייט אליין נישט געוואסט פארוואס, און איך האב געזוכט א טיקעט און געזוכט ענדליך האט ער געטראפן עפעס א טיקעט און ס'איז געווארן בטל, אזוי האט ער געהאט פיר מאל וואס ער האט געמאכט א טיקעט און ס'איז בטל געווארן, און ער פארציילט מיר אזוי און א גאנצע צייט האב איך זיך געוואונדערט פארוואס מאך איך די טיקעט איך ווייס נישט פארוואס ער האט געמאכט נאכאמאל די פערדע טיקעט איז געווען עפעס א טיקעט קיין בודאפעסט, א טיקעט קיין בודאפעסט מיט אפאר סטאפס, ער איז געקומען קיין בודאפעסט ערב ראש השנה פארטאגס, די טיקעט האט אים געקאסט זעכצן הונדערט דאלער, און יענער זאגט מיר דו זאלסט נישט מיינען אז איך האב געלט, כמעט וואס איך הארבעט נישט וויפל איך ארבעט נוץ איך אויס צו טרינקען און פאר אנדערע גוטע זאכן, טרינקען ער שיכור'עט זיך אן און ער לעבט אזא גרויליגע לעבן ס'קאסט אסאך געלט די אלע שוואנדרסטאק'ס, אלע מיינע געלט נוץ איך פאר דעם, און דא האב איך געסווייבט אויף מיינע קרעדיט קארד זעכצן הונדערט דאלער וואס איך האב נישט איך ווייס נישט ווי איך וועל עס באצאלן אבער איך ווייס נישט איך האב געפילט אז איך מוז.

ער איז אנגעקומען קיין בודאפעסט דארטן ערב ראש השנה פארטאגס ער האט געגאנגען זוכן א דרייווער, און די דרייווערס האב'ן אים אנגהויבן זאגן אז ס'איז נישט מעגליך אז ער זאל עס מאכן פאר'ן זמן, זאגט מיר יענער אזוי בעצם בין איך א מחלל שבת, איך היט קיינמאל נישט קיין שבת און קיין יום טוב אבער דא האב איך געפילט ווי איך מוז קומען קיין אומאן פאר'ן זמן, איך ווייס נישט פארוואס, אבער איך האב געפילט ווי איך קום צו רבי נחמן, איך קען נישט מחלל יום טוב זיין און קומען צו אים אזוי.

האב איך אנגעהויבן לייגן פרעשער אויף די דרייווער'ס ווער ס'קען פארן שנעל, איינער זאגט מיר אז ער האט א קאר וואס פארט זייער שנעל, ער האט אריינגעגאנגען אין קאר, און געפארן צום גרעניץ, ביים גרעניץ האט ער פארפירט דארטן אז מ'זאל נישט דארפן ווארטן, ער האט פראבירט אלעס, ער האט געזאגט אז א גאנצע צייט בין איך געווען אין פרעשער אז איך מוז זיין פאר'ן זמן, ער איז אנגעקומען קיין אומאן עפעס אזא צוויי שעה פאר'ן זמן, פיר אזייגער נאכמיטאג איז ער אנגעקומען קיין אומאן, און זיין חבר - דער בחור האט אים פארשאפט עפעס א האטעל ערגעץ, איינע פון די האטעל'ס, ער איז אנגעקומען צו אן האטעל ער זאגט מיר איך האב נישט געוואלט וויסן פון גארנישט נאר א בעט, ער איז געווען אזוי אויסגעמוטשעט די לעצטע פאר נעכט איז ער נישט געשלאפן א לאנגע וועג, אויף אזוי פיל מיט מאכן איך דארף א בעט ער גייט אריין אין בעט און ער גייט שלאפן.

זאגט ער אז ער איז געשלאפן דארטן א פאר שעה אבער ער האט נישט געקענט איינשלאפן עפעס אזא נאויזי פלאץ וואס איז אזוי נישט צוגעוואנט, שוין זאגט ער ער האט זיך אריינגעטראפן ראש השנה ער האט זיך א גאנצע צייט זיך געוואונדערט פארוואס בין איך דא וואס טו איך דא, ער האט דאך אזא שנאה צו די גאנצע אידישקייט, ער ווייסט נישט פארוואס ער איז דא.

שוין, זאגט ער אז ס'איז אריבער געגאנגען ראש השנה אינדערפרי, און זיין חבר דער וואס האט געזעצן לעבן אים האט אים ארויסגעשלעפט ער זאל קומען אויפ'ן גאס און ער זאל כאטש הערן תקיעת שופר, איז ער ארויסגעגאנגען אויפ'ן גאס איך האב זיך אראפגעשטעלט דארטן און איך האב געהערט תקיעת שופר, זאגט מיר וואו איי פעלט סאו גוד, איי דאונד דו מצוות סאטש א לאנג טיים, נאו איי דאנד א מצווה סאו איזי, אזוי זאגט ער מיר אויף ענגליש, ער איז א אמריקאנער, ער זאגט אז ס'האט זיך געשפירט אזוי גוט איך האב געטוהן א מצוה, איך האב שוין נישט געטוהן א מצוה אזא לאנגע צייט, ס'איז בכלל נישט געווען שווער, איך האב געהערט שופר

איך האב געשטאנען אויף די גאס און איך האב געהיטן ראש השנה זאגט ער מיר, ער זאגט מיר נעבעך איך היט נישט קיין ראש השנה אבער איך האב געהערט שופר.

ער פארציילט מיר ווייטער אז זיין חבר האט אים אנגהויבן משוגע מאכן אז ער מוז קומען אויפ'ן ציון, זאגט ער דאס האב איך בשום אופן נישט מסכים געווען, ער האט אמאל געזען פיקטשערס,עס איז דא דארטן חסידים וואס שטופן זיך, ער האט נישט קיין נערוון צו די מענטשן מ'גייט אים נאך שטופן ס'איז נישט דא קיין מענטשליכקייט, דו ווייסט דאך די אלע... שוין זיין חבר האט אים משוגע געמאכט ער מוז קומען אויפ'ן ציון, שוין ווייסטו וואס איך וועל אריין גיין א מינוט איך וועל גיין אויפ'ן ציון, זאגט אים זיין חבר אבער וואס טוט זיך מיט א מקווה, זאגט ער צו מקווה גיי איך נישט, די לעצטע פלאץ וואס איך גיי זה מקוה, שוין זיין החבר אז ער איז אזוי פארעקשנ'ט איז נישט, קען זיין ער האט מורא דער רבי וועט אים פארעכטן, איך האב פארשטאנען אז ס'איז מער ער האט זיך אזוי געקלעט, ער האט געפילט אז ס'איז נישט זיין פלאץ, ער האט מורא געהאט מ'וועט אים ג'אג'ן, דן זיין, איך וייס נישט.

על כל פנים זאגט ער איך האב אפגעשטאנען אינדערפרי פאר איך בין ארויסגעגאנגען אויפ'ן גאס גייען צום ציון האב איך געוואלט נעמען א שויער, ס'איז געווען די ערשטע טאג יום טוב האב איך איך געוואלט נענען א שויער, זאגט ער מיר איך האב געגאנגען צו מיין רום איך צינד אן און איך זע אז מיין שויער איז צובראכן, ס'ארבעט נישט די שטיקל דרייט זיך נישט ס'איז צובראכן, האב איך ארויס געגאנגען איך האב געפרעגט די מענטש פון די האטעל וואס טוט מען, זאגט ער דיין שויער איז צובראכן איך פיל שלעכט אבער אין די בעיסמענט די ערשטע אונטערשטע שטאק איז דא די מקוה דארטן איז דא שויערס, האב איך נישט געהאט א ברירה בין איך אראפ געגאנגען אונטן צו די שויערס אין די מקוה און איך האב גענומען דארטן א שויער, זאגט ער איך בין שוין געווען דארטן איך האב געזען אז ס'איז געווען א ריינע מקווה האב איך מחליט געווען שוין וועל איך אריין גיין וואס וועט שוין געשען, זאגט ער מיר בין איך געגאנגען אין מקוה אויכעט, איך האב נישט געוואלט ער זאגט מיר **רבי נחמן האט מיר געצוואנגען צו גיין אין מקוה,** זעט אויס ער האט מיר נישט געוואלט זען אזוי ווי איך קוק אויס.

זאגט ער נאך וואס איך בין געווען אין מקוה ארויס געקומען און געגאנגען צום ציון האב איך געפילט אזא, ער רופט עס אן אזא ספירטשיל פילינג, אזא גויעשע ווארט, אבער ער האט געפילט אזא הייליגע רוח, בין איך געגאנגען צום ציון, איך האב געזען ס'דא דארט אזא ווארעמע מצב, ער זאגט ס'איז געווען אזוי אינטערסאנט, ווייל איך האב זיך געהאט מצייר געווען אין קאפ אז מענטשן וועלן אראפקוקן אויף מיר, מ'וועט מיר אנשרייען ער זאגט מיר אז ווען ער איז אריינגעקומען האב איך געפילט אזוי גוט איך האב געזען אזעלכע מיני מענטשן קיינער קוקט נישט אויף קיינעם איך האב עס אזוי ליב געהאט, ער זאגט יא **איך האב גענומען א תיקון הכללי איך האב געזאגט די צען קאפיטלעך**, און איך בין געווען ביים ציון א פאר מינוט, און ס'איז געווען זייער געשמאק.

זאגט ער איך דריי זיך שוין דא ארום שוין די צווייטע טאג ראש השנה, היינט האב איך שוין אויכעט געהערט די תקיעות, איך האב געהערט די תקיעות היינט און נעכטן, און איך האב מקיים געווען א מצוה, און ער פילט זיך זייער גוט, און ער האט אנגהויבן רעדן א גאנצע שמועס אז **ער האט געטוישט זיין גאנצע בליק אויף אידישקייט, ער האט נישט פארשטאנען, ער האט אלעמאל געמיינט אז אידישקייט איז אזא ביטערע זאך, און דא זעט ער אז ס'איז לעכטיג ס'איז געשמאק,** בקיצור איך האב געהאלטן מיט אים גאר א לאנגע שמועס ווענן די ענין פון אמונה גיהנום גן עדן, בקיצור א גאנצע לאנגע שמועס.

די אינטערסאנטע חלק וואס איך האב ארויס גענומען פון דעם איז, פארשטייט זיך אונז דארפן נישט צופיל מסביר זיין די פלא פון די מעשה, אבער מ'זעט פשוט ווי דער רבי האט גענומען א נשמה אין כל מיני פלעצער ווי ער ליגט אלטס, און דער רבי האט אים פשוט ארויס גענומען, און דער רבי איז דער אמת'ע רחמן, וואס נעמט א נשמה און ער וואשט אים אפ, און ער נעמט אים ארויס פון וואו ער איז און ברענגט אים צוריק תחת כנפי השכינה, איז א וודאי איך וייס נישט וואס וועט ווערן מיט יענער מענטש אבער דער אמת איז ס'איז נישט אינטערסאנט מ'זעט נאר די געוואלדיגע כח וואס איז דא ביים רבי'ן, וואס איז די גרעסטע מופת וואס איז נאר דא, די גרעסטע רחמנות זאגט דער רבי איינער וואס ליגט אין עבירות, און אז דער רבי גייט און נעמט א מענטש פון אזא ווייטע פלאץ און נעמט אים ארויס, איז די גרעסטע מופת וואס איז נאר שייך.

נאך די סעודה בין איך אריינגעגאנגען דארטן צום רבי'נס ציון, האב איך געזאגט הייליגער רבי דו האסט דאך אזא כח המשיכה ווי בין איך ס'איז נישט נאר פאר מענטשן וואס זענען ווייט.

**[ר' נחמן נתן עסטרייכער אויף מערכת ברסלב חוה"מ סוכות תשפ"ה]**

# א הוספה אויף די מעשה,איבערגעגעבן דורך א איד פון פסעיק ניו דזשערסי:

הערנדיג אויף א געוויסע איד פון מיין שכנות אז ער איז געווען אין אומאן ראש השנה און וויסנדיג אז ער האט גארנישט מיט ברסלב, בין איך געווען נייגעריג וואס איז פשט פון דעם, אויף מיין אנפראגע וואס עפעס ער פארט, האט ער מיר געענטפערט אז ער האט א זוהן וואס איז ליידער אינגאנצן פריי און ער וואוינט אין ארץ ישראל און ער האט אים זייער געמוטשעט ער זאל קומען,-דאס איז געווען דער בחור וואס נחמן נתן האט געטראפן ביי פעדער- האט ער באשלאסן צו גיין ווען מענטשן האבן אים געזאגט אז **אויב פארט ער אויף אומאן וועט ער זיכער זעהן אפענע ישועות**, די ראש השנה איז אריבער אויף זיי זייער שיין און די פלאן האט געלויטעט אז נאך ראש השנה פארט ער צירוק קיין ארץ ישראל ווי ער וואוינט דארט ביי א קרוב וואס איז רח"ל נישט קיין שומר תורה ומצוות, אויפן וועג צו די עירפארט האט די טעקסי געמאכט א קליין טעות מיט די אדרעס וואס דאס האט פאראורזאכט אז ביידע האבן פארפאסט די פליגער אזוי אז עס איז אויסגעקומען פאר דעם טאטן צו פארברענגען נאך אפאר שעה מיט זיין זוהן, ענדיגנדיג די שמועס רופט זיך דער בחור אן צו זיין טאטע דאס אימגלויבליכע: איך קום אהיים צו די אויף ביז נאך יו"ט סוכות, דאס איז געווען נאך צוויי יאר וואס ער שוין נישט געווען אינדערהיים, זאגט מיר

דער טאטע **"דאס וואס מענטשן האבן מיר געזאגט אז מען וועט זיכער זעהן אפענע ישועות איז תיכף מקוים געווארן"** - וויפול איך האב מיט געהאלטן האט ער וויניגסטנס געהיטן די ערשטע טעג יו"ט סוכות,

הערנדיג איינעם פארציילן א מעשה פון א בחור וואס ער האט געטראפן ביי פעדער א.א.וו. האב איך נאר געוואלט צולייגן די סוף פון די מעשה, דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל נישט זיין קיין סוף נאר א אנהייב.

**[איבערגעגעבן אויף מערכת ברסלב פרשת נח תשפ"ה]**

# ובקשתם משם את ה' אלקיך כי תדרשנו בכל לבבך ובכל נפשך!!!

# אֲבַהַן

# אושפיזין
# בייטונייין

# ברייטע איבערדיכט און אריינבליק אינעם גרעסטן הכנסת אורחים פראיעקט אין די וועלט, ווי אזוי איז עס צושטאנד געקומען, וואס נעמט עס אלץ אריין, וואס זענען די שטויינענדע נומערן, אלעם איבער 'אזמין' 'שיינער' הכנסת אורחים אין אומאן' אזמין לסעודתא

**ערב ראש השנה געציילטע**
**מינוטן נאך חצות היום, אין אומאן.**

ער ענדיגט צו די לעצטע פאר ווערטער, פארמאכט דעם תיקון הכללי, אפווישנדיג די טרערלעך זיינע, פראבירנדיג צו מאכן א וועג צווישן די טויזנטער אידן וועליכע פארפלייצן דעם ציון הקדוש און די ארומיגע גאסן. ער שפאנט צווישן דעם המון גייענדיג אויספאסטן פון דעם האלב-טאגיגן תענית וואס פאלגט שוין נאך אן אויסמוטשענדע רייזע פון צוויי טעג דורך דריי לענדער, זינט ער איז ארויס פון הויז פארגאנגענעם מאנטיג נאכט ביז היינט דאנערשטיג האט ער נאך נישט אריין גענומען אין מויל א נארמאלע געקאכטע עסן.

אזוי ווי אסאך פון די פארזאמעלטע, ריכטעט ער אויך זיינע טריט צום באקאנטן בנין פון "אזמין" צום "הכנסת אורחים המרכזית אומאן." אין די מינוטן סערווירט מען א רייכע מיטאג פארן ברייטן ציבור. אומזיסט!

ער שטייט אינעם רייע וואס רוקט זיך מיט א שנעלקייט, צווישן טויזנטער ספרדים, תמנים, אשכנזים, ליטווישע, חסידישע, און די ליסטע איז נאך לאנג.... ביז געציילטע מינוטן טרעפט ער זיך אנקעגן א רייע פון אנשטענדיגע סערווירער.

א שטילע מוזיק הערט זיך פונעם הינטערגרונד ווען אין זיין האנט לאנדעט א טעלער אנגעפולט מיט א פיינעם פליישיגן פארציע פון וואס עס גייט א רויעך....פון דארט ווערט ער מיטגעשלעפט מיטן שטראם פון מענטשן וואס ווערן געפירט דורך א שטאב סדרנים צו איינער פון די ריזיגע עס-זאלן ביזן נענטסטן ליידיגן פלאץ.

ער זעצט זיך אראפ אויף זיין באשטומטע פלאץ און שפעקולירט צי ער זאל זיך יעצט וואשן אויף א פיינעם ווארעמען פיטא, אדער זאל ער זיך באגענוגן מיטן אנגרייטן טעלער. די דאזיגע מאלצייט וועט אים געבן כח אנצוגיין ביזן שפעטן סעודת יו"ט ביינאכט.

פון דא וועט ער שוין ארויסגיין רואיג און זאט מוכן ומזומן זיך צו צוגרייטן צום גרויסן טאג, דער טאג וואס מען איז ממליך דעם אייבערשטן, די הייליגע רבי'ס ראש השנה

די דאזיגע סצענע איז גוט באקאנט פאר די וואס האבן שוין באטראטן דעם שוועל פונעם רבינ'ס קיבוץ אין די לעצטערע יארן. 'אזמין', די גרעסטע הכנסת אורחים אין די וועלט וואס האט שוין אין די צוואנציג יאר פון איר עקזיסטענץ אריין גענומען הונדערטער טויזנטער אורחים, אבער רוב פון די געסט ווייסן נישט וואס עס גייט דא פאר הינטערן פורהאנג; וואס עס גייט אלס אריבער דארט במשך לאנגע חדשים ביז מען באקומסט דעם געשמאקן פארציע פלייש און צושפייזן פארפאקט שיין אין א פלעסטיג קאנטעינער.

אין א זומערדיגן טאג ענדע חודש תמוז, האבן מיר געהאט די זכיה אפצושטאטן א ספעציעלע באזוך אינעם פלאץ וואו מען גרייט אן דאס אלעס. דארט האבן מיר זיך דערוואוסט מער איבערן חסד וואס לויפט אן קיין גרעניץ, איבער דעם איבערמענטשליכע איבערגעגעבנקייט פארן רבי'נס זאך, און איבער די קייט פון נסים וואס באגלייט דעם פראיעקט יעדעס יאר פון דאסני.

**א גאנצע יאר. פיר לענדער. הונדערטער סטעף מיטגלידער.**

## אזמין לסעודתא

## די גרעסטע הכנסת אורחים פראיעקט אין די וועלט

***

## תשס"ד – תשס"ו

**ווי אזוי האט זיך אלעס אנגעהויבן?**

ראש השנה יאר תשס"ד האט מען געקענט באמערקן דער באוואוסטער נגיד און פילאנטראפ, ר' אליעזר שיינער הי"ו מאכן דעם וועג פון אמעריקע קיין אוקריינע צוזאמען מיט זיינס א ידיד. אויבן אויף האט געקענט אויסקוקן ווי דאס איז 'נאך' א נסיעה פון א איד צום צדיק אין אומאן.

אבער אין אמת'ן איז דאן איינגעפלאנצט געווארן די ערשטע קערנדלעך צום ריזן פראיעקט וואס איז זיך צעוואקסן מיט די יארן און איז מקרב פול נשמות צום רבינ'ס אור.

דעם קומענדיגן יאר איז שוין ר' אליעזר געקומען אין באגלייטונג פון נאך דריי אידן וועלכע האבן מיטגעברענגט מיט זיך פולע רענצלעך מיט א שפע פון מאכלים וואס זיי האבן דארט צוגערישט. זיי האבן ארויסגעלייגט די עסן אין קרית ברסלב און זענען ערשטוינט געווארן אויף די גרויסע פארלאנג פאר אביסל עסן.

אומאן איז גרויס, ס'איז געווען א ווייטערע שטרעקע צו גיין ביז אהין און מיט דעם אלעם איז ביז א אפאר מינוט אלע עסן אויסגעליידיגט געווארן אן צו מפרסם זיין די הכנסת אורחים.

ר' אליעזר צוזעהנדיג דעם בילד האט גלייך באשלאסן אז ער וועט זיך אונטערנעמען עפעס מער דראסטיש וויפיל ער וועט נאר קענען. זיינע חברים וואס האבן געזעהן זיין ווילן צו לייזן דעם פראבלעם, האבן זיך געשטעלט אים ארויסצוהעלפן.

ר' אליעזר צוזעהנדיג דעם בילד האט גלייך באשלאסן אז ער וועט זיך אונטערנעמען עפעס מער דראסטיש וויפיל ער וועט נאר קענען. זיינע חברים וואס האבן געזעהן זיין ווילן צו לייזן דעם פראבלעם, האבן זיך געשטעלט אים ארויסצוהעלפן.

פון דעם החלטה איז אין די קומענדיגן יאר ארויסגעוואקסן א הכנסת אורחים וואו מען האט סערווירט הונדערטער פארציעס עסן פאר ווער עס האט געברויכט. אבער דאס האט נאכנישט געדעקט אלעס. די פארלאנג האט זיך געמערט מיט יעדעס יאר וואס עס זענען צוגעקומען נאך נייע מקירובים און די אלטע האבן זיך גרינגער געמאכט נישט צו שלעפן עסן ווייל מ'קען עסן ביי 'שיינער'!

פון דעם החלטה איז אין די קומענדיגן יאר ארויסגעוואקסן א הכנסת אורחים וואו מען האט סערווירט הונדערטער פארציעס עסן פאר ווער עס האט געברויכט. אבער דאס האט נאכנישט געדעקט אלעס. די פארלאנג האט זיך געמערט מיט יעדעס יאר וואס עס זענען צוגעקומען נאך נייע מקירובים און די אלטע האבן זיך גרינגער געמאכט נישט צו שלעפן עסן ווייל מ'קען עסן ביי 'שיינער'!

און ווי מער עסן די בעלי חסד האבן צוגעשטעלט אלס מער איז געוואקסן זייער גליסטעניש צו פארמערן נאך און נאך חסד. צום קומענדיגן קיבוץ האט מען שוין אפגעדונגען דעם ריזן שטח אויף צוואנציג פושקינע וואו אינעם געצעלט וואס איז דארט אויפגעשטעלט געווארן האט ר' אליעזר מיט זיינע חברים סערווירט די עסנווארג וואס ער האט געברענגט מיט זיך, דער נאמען 'שיינער' איז פארוואנדלט געווארן אין א מושג פון הכנסת אורחים וואס איז מיט די צייט אויסגעוואקסן אלס א ריזן חסד פראיעקט וואס זיין גוטער נאמען גייט פאר אים.

## תשס"ח-תש"ע

**די ריזן הכנסת אורחים שטעלט זיך אוועק. ריזיגע שטחים ווערן אפגעקויפט**

"נאך עטליכע יאר פון אריינעמען די מאסן אנטיילנעמער אינעם קיבוץ אין יענעם הכנסת אורחים," פארציילט ר' נחום קארלינסקי, איינער פון די ראשי העסקנים, "איז ר' אליעזר צוגעקומען צו מיר פאר ראש השנה תשס"ח בעטנדיג איך זאל דאס יאר אויך אפדינגען די באדן וואו מיר האבן אין די פארגאנגענע יארן צוגעשטעלט דאס עסן פארן עולם.

"איך האב אים דאן פארגעשלאגן אז אפשר זאל מען אפקויפן דאס פלאץ אנשטאט דינגען? א זאך וואס האט זיך געהערט אפגעפרעגט אין די דעמלטסדיגע אומאן.

איך האב אבער געהאלטן אז עס איז ממש א שאד צו אויסגעבן געלט יאר יערליך פאר א פלאץ וואס איז נישט אייגנס. ר' אליעזר האט אויך פארשטאנען אזוי און האט מיר תיכף איבערגעגעבן דעם ערשטן איינגאבע אפצוקויפן א שטיק אקער לאנד אויף זעקס און צוואנציג פושקינע."

די נייע מציאות אויפגענומען געווארן ביים ציבור פאזיטיוו. און די פארלאנג האט זיך געהעכערט העכער אלע ערווארטונגען, און נישט לאנג האט געדויערט ביז מען האט אפגעקויפט נאך א באדן. די געלט און נדיבת לב איז געקומען פון ר' אליעזר זעלבסט און די משא ומתן האט געפירט דער אומפארגעסליכער איש החסד, הר"ר אלימלך פאקשער ז"ל, מיט זיין אויסטערלישע פארשטאנד און קלוגשאפט.

די חלק וואס ר' מיילעך האט געהאט אינעם פראיעקט "אזמין-שיינער"

**די התרגשות איז געווען אויפן העכסטן שטאפל ווען די נגידים און עסקנים זענען אראפגעקומען צום שטח און אנגעצייכנט מיט א ספרעי אויף די ערד פונקטליך: פון דא ביז דא וועט שטיין די טענט, פון דא ביז דארט די קאך און אזוי ווייטער.**

אומבאשרייבליך. ער האט געפירט די פארצווייגטע געשעפטן אפצוקויפן דעם ריזן לאט.

ביים אויפשטעלן דעם ריזן פראיעקט איז צוניץ געקומען די ערפארונג פון "נחל נובע" וועלכע האבן שוין אנגעפירט אין אומאן א ריזן הכנסת אורחים.

איך האב מיר געטראפן אריינפאלן אין א גראנדיאזן פראיעקט אן קיין שום טרעינירונג און פראקטישע ערפארונג - שילדערט ר' נחום - ביים אונטערשרייבן די קאנטראקט האבן מיינע הענט געציטערט.

איך האב נישט געהאט קיין אנונג ווי אזוי מיר וועלן מצליח זיין אויפצושטעלן אויף דעם באדן אזא מעכטיגע קאמפלעקס פון א קאך מיט אן עס-זאלן פאר צען טויזענט מענטשן וועלכע וועלן עסן אויפאיינמאל.

איך קען נישט פארגעסן ווי איך האב אנגערופן ר' אליעזר און איס פארגעשטעלט וואס מען גייט אלס דארפן משקיע זיין אין דעם, אן



טראכטן קיין צוויי האט ער מיר געהייסן אריין טאנצן דערין פאר יעדע פרייז זאל זיין וואס זאל זיין.

## תש"ע – תשע"א

**אנגרייטן דאס פלאץ און אויפשטעלן ריזן קאך**

מען דארף פארשטיין פון וואס מען רעדט דא, די ערשטע יאר האבן מיר געברענגט צום פלאץ זעקס הונדערט באלאנען פון געז אויף צו קאכן דאס עסן!

נאכן אנגרייטן דאס פלאץ איז מען אריבער צום אויסשטעל, וואו וועט זיין די קאך און וואו די טענטס צו עסן וואו וועט זיין די דורכגענג, די אריינגאנג, ווי אזוי קען מען אויסשטעלן די זאך זאל פארן אויף א גוטע מסודר'דיגע אופן; די מורא'דיגע סיסטעם פון 'אזמין' וואס אלע קענען שוין היינט האט מען דאן אויסגעשטעלט יש מאין. פון א גארנישט ממש.

די התרגשות איז געווען אויפן העכסטן שטאפל ווען די נגידים און עסקנים זענען אראפגעקומען צום שטח און אנגעצייכנט מיט א ספרעי אויף די ערד פונקטליך: פון דא ביז דא וועט שטיין די טענט, פון דא ביז דארט  די קאך און אזוי ווייטער.

קוים אריינגעטראטן אין דעם פראיעקט, כ'הא נאך קוים אנגעהויבן זיך צו באקענען מיט די גרויסע אויוונס, בין איך באטראסקעט געווארן מיט א נייע אנשיקעניש. אין א שיינעם טאג, נאך איידער די קאך איז שוין פאקטיש געשטאנען, איז פלוצים ערשינען אן איינגעשטעלטער פונעם אוקריינישע העלט דעפארטמענט און מיט אים איז מיטגעקומען איינער פון די פייער דיפארטמענט, און נאך א זיי האט זיך געשלענגלט א גאנצע ציבור פון פארשידענע בעאמטע.

יעדע איינגעשטעלטע האט געפאדערט זיינס ווי א בן יחיד. עס האט זיך אנגעהויבן זא רייע פון אינספעקשנס אין אויספארשונגען. מיר האבן נישט געקענט זיך ארויס דרייען ווייל מיר האבן געמוזט אנקומען צו זיין פאר אלע בויאקראטישע אנגעלעגנהייטן. נאך לאנגע, קאמפלעצירטע אמפערייען האט מען ענדליך בס"ד מצליח געווען צו באקומען די געפאדערטע רשות און דאקומענטן און 'הכנסת אורחים המרכזית-אומן' איז געווארן א מציעות אין א מזל'דיגע שעה.

ביי דעם שטאפל האט מען אנגעהויבן אינוועסטירן מיליאנען דאלארן. מען האט באשטעלט מאסיווע עקוויפמענטס אויף אנצוגרייטן די עסן; פריזערס אין סייזעס וואס וואס מיר האבן נישט געזעהן ביז דאן; אויוונס וואס זאלן קענען אנטהאלטן אין זיך קוואנטומען פון טויזענטער פארציעס אויף איינמאל.

די קיטשענס זענען פארבונדן געווארן צו ריזיגע פיוזעס פון געז און עלעקטעריק, וואסער און סוער. מאסיווע טענטס זענען אויפגעשטעלט געווארן.

אצינד האט מען שוין נאר געווארט אויפן ציבור הקדוש וואס וועט פון יעצט קענען דינען דעם אייבערשטן אין אומאן מיט ישוב הדעת.

## אויפן אמעריקאנעם שטייגער

ווער עס האט נאר אמאל אריבער געטרעטן די שוועל פון 'הכנסת

אורחים המרכזית – אומאן' האט געשפירט די הרחבת הדעת וואס שיינט ארויס אין יעדעס ווינקל, אנגעפאנגען פון די איינגעשטעלטע וועלכע נעמען אויף די געסט מיט א ברייטע שמייכל און אריבער צו די שפע פון עסן, ביז די ריזיגע טענטס געבויעט מייסטערהאפטיג.

ווען איך האב געמאכט א חשבון פאר ר' אליעזר אז איינקויפן קליינע עופות וועט מאכן א ערנסטע חילוק אין פרייז, האט ער אינגאנצן אפגעווארפן דעם פלאן: "איך וויל אז מען זאל קויפן די גרעסטע עופות וואס איז דא אויפן מארק!"

די "סעודה קארטלעך" איז געשאפן געווארן ווען ר' מיילך פאקשער האט איינגעזען אז אויב וויל מען טון חסד מיט מענטשן דארפן מען זיכער מאכן אז יעדער וואס קומט צו אונז עסן, לאזט זיך ארויס קיין אומאן רואיג וואוסענדיג אויף זיכער אז עס איז דא פאר אים אפגעהיטן א פלאץ פאר די סעודות. די דאזיגע חידוש האט געברענגט מיט זיך א וואונדערליכע.

און אנפאנג האט ר' מיילך פארגעשלאגן צו פארטיילן די קארטלעך אומזיסט און אזוי האט מען טאקע געטון דאס ערשטע יאר.

אבער גאנץ שנעל האט זיך ארויסגעשטעלט אז מענטשן האנדלען זיך אין די קארטלעך ווייל 'פארוואס נישט'... 'זאל זיין'... יענע יאר זענען די עס-זאלן געווען האלב ליידיג און גאר אסאך עסן וואס וואלטן ווען געקענט זעטיגן מענטשן, זענען געגאנגען אין מיסט. די קומענדיגן יאר איז די פרייז געשטיגן און די מורא'דיגע סיסטעם און ישוב הדעת וואס הערשט זינט דאן רעדט פאר זיך אליין.

אין די ערשטע יאר האט מען געדרוקט פיר טויזענט קארטלעך וואס איז בליץ שנעל אויסגעגאנגען. ווען ר' אליעזר שיינער האט געהערט אז די קארטלעך זענען אויסגעכאפט געווארן האט ער זיך נישט פארלוירן פאר קיין רגע, "וואס דאס איז נישט גענוג?! עפענטס אויף נאך פיר טויזענט זיץ פלעצער און צו דעם לייגט צו נאך צוויי טויזענט פארציעס 'טו גאוי' אז עס זאל זיין א מעגליכקייט פאר אינטערעסירטע אהיימצונעמען עסן ביי זיך".

די פאראדרענונג איז געקומען צוויי וואכן פאר ראש השנה. איך האב נישט געהאט קיין אנונג ווי אזוי מען וועט דאס אויספירן.

אבער אויך דא, אזוי ווי אין אלע צייטן האט זיך ארויסגעוויזן די געוואלדיגע סייעתא דשמיא וואס באגלייט דעם הכנסת אורחים בזכות רבינו הקדוש, און אויף א וואונדערליכן אופן האבן מיר דערגרייכט דעם ציל און פארטיילט נאך זעקס טויזענט (!) פארציעס.

די יאר ווען די מלחמה האט אויסגעבראכן האבן זיך די מענטשן די לעצטע מינוט באקלערט אז זיי וועלן נישט קענען נעמען קיין עסן אזא לאנגע וועג און מיר האבן דאן אין איילעניש צוגעשטעלט נאך קארטעך אומגעראכטן.

ר' מיילך האט אמאל געמאכט א חשבון אז גאר אסאך געלט גייט אריין אין די פלאץ ווי מען עסט, די רייניגען א.א.וו. 'פון אן אקאנאמישע קוק ווינקל' האט ר' מיילך פארגעשלאגן אז עס לוינט ענדערש צו צאלן פאר ארבעטער וואס זאלן איינפאקן די עסן אין קאנטענערס מיט אלע סעודות אז ווער עס וויל קען באשטעלן א פעקעדז און זיך עסן ביי זיך אין אכסניא

## א שפאציר אינעם 'אזמין' קאמפלעקס

**א בליק אריין אין די ריזיגע קאך'ן ווי עס קאכט זיך דארט טויזענטער סעודות פאר די מאסן שטראם ביים קיבוץ – די פארצווייגטע פעולות וואס טוט זיך אונטער די קוליסן פונעם גרעסטן הכנסת אורחים אין די וועלט!**

די אייזערנע טויער האט זיך פארקלאפט אונטער אונז, מיר טרעפן זיך ווי אין א גרויסן שטאט: א ריזן קאמפלעקס אינעם צענטער פונעם רוישיגן פושקינע גאס.

אינעם אפיס באגעגענען מיר דער הויפט מענעדזער, ר' אליעזר קארליבאך הי"ו מיט זיין געטרייע באהעלפער ר' נחמן כהן הי"ו.

"ווען עס הייבט זיך אן די הכנות אויף ר"ה אין די קארידארן פון 'אזמין'?" פרעגן מיר.

ר' נחום דערמאנט די שיחה פון הייליגן רבי'ן (שיחת הר"ן רט"ו) "גלייך ווען עס גייט פאריבער דעם ר"ה לייג איך צו מיין אויער הערן צו מען קלאפט שוין אויף סליחות פונעם קומענדיגן יאר."

אויב צענדליגע טויזענטער אידן הייבן הערשט אן צו הערן די ווערטער 'אזמין' 'שיינער' 'סעודת שבת ויו"ט' ארום סוף חודש אב ווען אלול רוקט זיך שוין אונטער, איז מען ביי די סטעפ פון הנהלת אזמין שוין רונדע יאר פארנומען ארום דעם פראיעקט.

## די שחיטה

**דרייסיג טאן בשר בקר, זיבן שחיטה'ס אין דעם פרעמדן לאנד, פשרה'לאזע כשרות לכל הדעות!**

"שוין אין חודש חשון זענען מיר פארנומען מיט אן ארטיגע קאמפאני זאל זיכער מאכן עס איז דא גוטע קעלבלעך אויף צו שחט'ן. אונז דארפן האבן ריזיגע קוואנטומען און זיי ערלעדיגן פאר אונז א העכסט פונקטליכע ארבעט. מען נעמט פון איין דארף זיבן קעלבלעך און פון א צווייטן דארף נאך צען קוען אזוי אז צום סוף זאמעלט זיך אן א שיינע צאל, און מען פאנגט אן די ערשטע שחיטה.

דאס אראנזשירן דעם שחיטה פאדערט זיך צו ארבעטן אינאיינעם מיט די שלאכט הייזער און אנגרייטן דאס פלאץ צום ארבעטן. א משלחת פון שוחטים פארן ארויס פון ארץ ישראל און ווילן דארט איבערן וואך ווען מען שחט. צומאל נאך א פולע וואך פון שחיטות ווערט מען געוואר אז גרויסע פראצענטן פון די בהמות זענען געווען טריפה, דאן דארף מען פארדאפלען די באשטעלונג ביים קומענדיגע רונדע.

און אזויווי ווי מיר סערווירן היימישע און ספרד'ישע מאכן מיר זיכער אז די פלייש זאל זיין אונטער די השגחה בד"ץ העדה החרדית און אז די פלייש זאל זיין "חלק בית יוסף".

דורכאויס דעם יאר ווערט געמאכט זיבן רונדעס פון שחיטות, סך הכל רעדט זיך עס פון דרייסיג טאן(!) די אסטראנאמישע סחורה דארפן ווערן אפגעהיטן מיט זייער א הויכע סטאנדארט שמירה. מיר האבן זיך איינגעהאנדלט ריזיגע פריזערס.

בלויז די פראיעקט פון שחט'ן האלט אונז פארנומען לענגאויס די יאר, און דאס איז נאך פארן אנפאנגען....

אויך אין די קאך אליין זענען מיר מקפיד אויף בישול עכו"ם לויט די שיטה פונעם שו"ע. מיר וועלן זיך נישט באגנוגן מיט דעם וואס א איד קומט אינדערפרי אנצונדן די אויוון און גייט אוועק, נאר מיר האבן א גרופע פון פופצן (!) אינגעלייט וועלכע געפונען זיך קבועות'דיג אויפן

פלאץ. נאר זיי זענען ערלויבט צו צוריין די קאכעדיגע טעפ. אויב מען ברויך מישן אדער טועם זיין ווערט דאס געטון דורך זיין.

ווען מיר האבן זיך געווענדן צו די עדה החרדית צו געבן א הכשר האבן זיי זיך געקווענקלט זיך אריינצולאזן אין אזא פארצווייגטע געשעפט.

זיי האבן נישט געוואוסט אויב מיר וועלן קענען נאכקומען זייערע הויכע סטאנדארטן אין כשרות אין אזא נאכגעלאזט לאנד, אבער נאכדעם וואס מיר האבן אויפגעוויזן אז מיר זענען גרייט צו אינוועסטירן אין דעם וויפיל עס וועט זיך פאדערן, האבן זיי זיך אריין געלאזט אינעם פראיעקט. אונזער עסן איז צוגעשטעלט אויפן העכסטן סטאנדארט פון כשרות.

**20 טאן פיש דעליווערט גלייך פון כינע, מיליאנען פלעסטיק געשיר, פולע אנגעלאדענטע קאנטעינערס פון איבער די גאנצע וועלט**

אין די זעלבע צייט דארפן מיר אריינברענגען פון טשיינע צוואנציג טאן פיש! אויב אין די פריערדיגע יארן איז דאס געווען ריזן אינטערנעמונג איז עס יעצט אין מלחמה צייט ווען די פארט אין אדעסע איז פארמאכט, פארוואנדלט געווארן צו גאר א פארצווייגטע פארפלאנטערטע מעשה. מיר מוזן דאס אריינברענגען מיט טראקס דורך די גרעניצן פון ראמעניע און פוילן.

אויך די פראיעקט פון איינקויפן פלאסטיגע געשיר ארבעט מען שוין פון אנהייב יאר. צום ערשט זיצט מען מיט די סטעף און מען גייט פונקטליך איבער די מעניוס פון אנהייב ביזן סוף יעדע קליינע דעטאל, וויפול פארציעס, סאלאטן, די ערשטע פארציעס און די צווייטע, נעפקינס, און ווייטער און ווייטער, אלעס ווערט אריין גענומען אין חשבון.

דערנאך באשטעלט מען דאס פון כינע ווייל אין אוקריינא זענען אלע פלעסטיג געשיר אויף גאר א שוואכע סטאנדארט, אזוי שוואך ווי צייטונג פאפיר. פאריאר בין איך אליין אראפגעפארן קיין טשיינע מאכן די ריזיגע באשטעלונג אויף פלעסטיג געשיר. נישטא קיין צווייטע ברירה. מען דארף זעהן פון דער נאנט די פארשידענע סעמפעלס און הערן אלע מעגליכי אפציעס.

די צאל גלעזלעך וואס מען דארף האבן קומט אן צו ארום 600,000 דורכאויס ראש השנה!

## גיגאנטישע אויוונס

אין אומאן איז נישטא קיין צווייטע ברירה נאר אויפצושטעלן א ריזן בעקעריי, איינקויפן אויוועס א.א.וו. און אהער שטעלן א פולע שטאב. ב"ה אונזער בעקעריי פאבריצירט אין איין שעה טויזענטער חלות! דאס קען צושטאנד קומען מיט אונזערע ספעציעלע שטארקע אויוונס אימפארטירט פון דייטשלאנד.

נאך עטליכע יאר פון זוכן פאטענטישע מיטלען צו ווארעמען טויזנטער פארציעס עס די מיטל נאכט סעודות ווען עמן קען נישט ווארעמען פון פריער, האבן מיר מצליח געווען אהערצושטעלן אויוונס וואס מען קען אנשטעלן פאר יום טוב צו ארבעטן אויף אן אטאמאטישע סיסטעם אפילו ווען ס'איז דריי טעג, אזוי דארף מען נישט צוקומען צו קיין גוים און התרים. די פראיעקט האט אפגעקאסט שווערע געלטער.

## יעדע יאר פרישע פלאנטערן

איך שפיר באשיינפערליך ווי די הייליגע רבי פירט דעם גאנצן פראיעקט און דאגה'ט אז אלע קלענסטע פרטים זאלן זיך אויסארבעטן אויפן בעסטן אופן וואס איז שייך, איך וועל אייך מיטטיילן א מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט עטליכע יאר צוריק:

ס'איז שוין געווען נאנט צו ראש השנה און מיר האבן זיך געניטיגט אין נאך קאך ארבעטער. אין אוקריינע פעלט נישט קיין מענטשליכע כוחות. מיר האבן זיך פארבינדען מיט א קאמפאני פון דאניפראטראווסק און אויסגעארבעט אלע דיטאלן פון צושטעלן 120 ארבעטער. מיר האבן אפגעדונגען א בנין וואס באלאנגט צו די אונעווערזעטעיט אין אומאן, אנגעגרייט דארט בעטן פאר זיי, און צוגעשטעלט אלעס וואס זיי דארפן.

ווען עס איז אנגעקומען ליל זכור ברית האט דער מענעדזער זיך פארבונדן מיט מיר זאגנדיג אז אלע זענען שוין דא, און זיי גייען יעצט שלאפן אין יענעם בנין און מארגן צופרי, דאס מיינט ערב ראש השנה, וועלן זיי אלע שטיין ביים טויער פון קאך.

עס הערט זיך גוט, ניין?

9:00 אינדערפרי. עס שטעלן זיך אפ צוויי באסעס אויף פושקענע און איך כאפ כמעט א הארץ אטאקע, אנשטאט מענער ארבעטער האט ער געשיקט פרויען!

פארשטייט זיך אז מיר האבן זיי אלע פארשיקט און זיך געספראוועט מיט א מאנגל פון ארבעטער.

און אויך דאס האבן מיר ארדורכגעמאכט...

## צום שלום ווילן מיר אויסרופן:

**וואויל איז דער דור וואס האט זוכה געווען צו זעהן אזעלכע בעלי חסד, וועלכע טוען זייער עבודה מיט פשטות און באשיידנקייט. דער רבי וועט זיך זיכער מיען פאר זיי. דער אויבערשטער זאל זיי באצאלן כפל כפלים.**






# מיין ערשטע ראש השנה ביים רבי'ן

זכרונות פון א זיבן יעריגער אינגעלע פון זיין נסיעה אויף אומאן ראש השנה, אין יאר תשנ"ה – זעקס יאר נאכדעם וואס מען האט זוכה געווען אז די טויערן פון רוסלאנד האבן זיך געעפנט.

אזוי ווי מיר גרייטן זיך צום גרויסן יום הדין, ווען יעדער פאקט זיך צאם זיינע פעק און זעק און איילט זיינע טריט צום נהר המטהר מכל הכתמים - דער ציון פון הייליגן רבי'ן, יעדער מיט זיין וועג וואס ער דארף שפרייזן, מיט זיינע מניעות און שוועריגקייטן וואס ער דארף איבערשפרינגען, כדי צו פאלגן דעם צדיק, דער ראש בני ישראל וואס האט געזאגט: "גאר מיין זאך איז ראש השנה", האבן מיר זיך געזעצט א שמועס מיט ר' הערשל הי"ו א אינגערמאן פון בית שמש, וואס ברענגט ארויף זכרונות פון זיין ערשטע נסיעה אלס קינד, און וואספארא השפעה עס האט געהאט אויף זיין לעבן...

**"הערן און זיך שטארקן צוזאמען שכל נסיעה ונסיעה של כל אחד ואחד, יהיה לה חלק בקץ הגאולה" (אנשי מוהר"ן עמוד צב אות ד).**

**א גוטן ר' הערשל, כאטש ס'איז שוין דא פון דעם אסאך יארן, וואס געדענקט איר פון אייער ערשטע נסיעה?**

איך בין געווען דעמאלס זייער קליין, אזוי אז די זכרונות זענען עפעס נישט גאר קלאר, איך געדענק נישט קיין הכנות אדער ווארטן אויף די נסיעה, אפשר האט מיין טאטע אלעס מסדר געווען און איך בין נאר געקומען צום גרייטן... בכל אופן, וואס איך געדענק יא אז מיר זענען געפארן צוזאמען מיט מיין פעטער - מיין טאטנ'ס ברודער, וועלכער האט אויך מיטגענומען א קינד אין מיין עלטער, אזוי אז איך האב געהאט מיט וועמען צו שפילן און פארוויילן די צייט צוזאמען

איך דארף צוריק אריינגיין אין א קאפ פון א זיבן יעריגער קינד, זיך צו דערמאנען לויט מיין דעמאלדיגער בליק. איך געדענק אסאך טאטעס, מ'פארט, מען דאוונט, מען עסט, איך געדענק אז ווען מיר זענען אנגעקומען האבן מיר נישט געפונען אלע רענצלעך...

**וואס מיינט? נישט אלע רענצלעך זענען אנגעקומען?**

היינט קען אויך אמאל געשען אזא זאך, אבער אמאל איז דאס געווען אן אפטע ערשיינונג. די גאנצע מדינה איז געווען דעמאלס זייער אונטערשטעליג אין אלע אינזיכטן אזוי אז ס'האט זיך געמאכט אפט. גראדע איז דאס נישט געווען אונזער רענצל נאר פון מיין קרוב. ער איז געבליבן אן קיין מינימאלישע וועש צו בייטן... מ'האט גערעדט אז ס'דארף אנקומען די רענצל, אבער למעשה האב איך זיך געדארפט צוטיילן מיט אים מיט מיינע וועש! איין חלק איז ער געגאנגען און די צווייטע העלפט איך... ס'איז געווען א קאלטע וועטער יענעם יאר און מיר האבן זיך צוטיילט איינער איז געגאנגען דאס מאנטל און דער צווייטער די שאל, אזוי אויך די שבת'דיגע בגדים פון יום טוב. איך קען זיך פארשטעלן אז ער איז נישט געווען פונקט אין מיין מאס, אזוי אז ס'איז געווען אן אינטערעסאנטע מצב. אויפן וועג צוריק אהיים, אין עירפארט, האבן זיי צוריק באקומען די רענצל מיט אלע זאכן.

**ווי אזוי איז געווען דער מצב אין אומאן אליין?**

מיר זענען איינגעשטאנען ביי בנימין, א עלטערער אוקריינישער איד וועלכער פלעגט פארדינגען ביי זיך אין שטוב בעטן פאר די אידן וואס קומען צום קיבוץ. איך געדענק מענטשן פלעגן פרעגן מיין טאטע אויפן גאס: "וואו שטייטסטו איין?" און מיין טאטע פלעגט ענטפערן: "ביי בנימין". דער עולם האט שוין געקענט די אכסניות דארטן... אבער פאר מיר זעלבסט איז נישט געווען אזוי אנגענעם צו איינשטיין ביי דעם בנימין...

**אזוי? פארוואס?**

ער האט געהאלטן אין שטוב א קעצל וואס פלעגט זיך דרייען אין שטוב ווי זי וואלט געווען א חלק פון דער הויז-געזינד... זי האט זיך געדרייט צווישן די בעטן שפאצירט געמיטלעך פון איין צימער צום אנדערן. איך געדענק אז איך האב זייער מורא געהאט פון וואו זי גייט מיר ארויסוואקסן... ס'איז געווען פאר מיר דאס ערשטע מאל צו זען אזא זאך אז א מענטש זאל אריינלאזן א קעצל ביי זיך אין הויז. איך האב אלץ געמיינט א קעצלעך וואינען נאר ביי די מיסטן... אבער מיט דעם אלעם איז געווען פיין. איך האב זיך צום סוף צוגעוואוינט צום דער מצב.

**קענסט געדענקען נאך חסידים וואס זענען געקומען צום קיבוץ?**

ממש פערזענליך געדענק איך נישט. איך בין נישט געווען א אינגל וואס האט זיך געדרייט מיט אנשי שלומינו. מיין טאטע איז געווען א שטיקל מקורב, אזוי אז אלע מענטשן זענען מיר געווען פרעמד. איך דערמאן זיך אז ר' אפרים נחמן אנשין שליט"א האט פארקויפט די זיץ פלעצער אין קלויז, פשוט ווייל זיין זון איז געווען מיין רבי אין חדר יענעם יאר, האט מיר מיין טאטע דערציילט אז ער האט געקויפט פלעצער ביי מיין רבי'ס טאטע!

סאיז נאך דעמאלס נישט געווען קיין קלויז נאר מען האט צוגעשטעלט א גרויסע זאל וואס דארט האט מען געדאווענט און געגעסן א.א.וו.

אויפן וועג צוריק געדענק איך אז מיין טאטע האט ארומגערעדט מיט אנדערע ברסלב'ע חסידים אז ס'איז געווען א קיבוץ פון פינעף טויזנט מענטשן... איינער האט געהאלטן אז מער, איינער ווייניגער. איך פון מיין ווינקל האב זיך צוגעהערט פון זייט צום שמועס.

**דו געדענקסט דעם חצר פון רבינ'ס ציון?**

ניין, איך געדענק גארנישט פון רבינ'ס ציון. איך ווייס נישט פארוואס, אבער כאטש איך געדענק נישט דעם חצר און מיין תיקון הכללי זאגן א.ד.ג. איז אין מיר איינגעפלאנצט געווארן אין יענע נסיעה א נאנטע התקשרות צום רבי'ן אנדעם איך זאל בכלל וויסן און פארשטיין אז עס ליגט באהאלטן אין מיר.

**וואס מיינטסו צו זאגן מיט דעם?**

אזוי ווי אויבנדערמאנט, בין איך נישט געקומען פון א ברסלב'ע סביבה, כאטש מיין טאטע פלעגט דאווענען פון מאל צו מאל אין שול אין מאה שערים, אבער איך האב נישט געהאט קיין שום השגה אין רבי'ן אין זיינע שיחות און הייליגע עצות. למעשה בין געווארן דערווייטערט פון דעם אמת'ן גוטן לעבן אן צו וויסן בכלל וואס איך דערלייג, ווען איך בין עלטער געווארן - אלס בחור האב איך געפילט א ליידיגקייט אין הארץ, בין איך געווארן מקורב צו איינעם פון די באקאנטע חסידות'ן אין ירושלים, איך פלעג לערנען חסידישע ספרים, און אסאך אריינגיין צום רבי'ן פון דעם חסידות רעדן מיט אים, גיין צו טישן א.אוו.

**אזוי האסטו אפגעלאזט דעם רבי'ן מיט זיינע עצות?**

איך האב נישט געוואוסט וואס איך האב אז איך זאל פארשטיין וואס איך דערלייג... איך געדענק אז איך פלעג זיך בענקען צום נוסח פון די תפילות ראש השנה, די ווארעמע ניגונים וואס עפנט און צעברעכט דאס הארץ... מיין טאטע פלעגט אלע יארן, ווען ער איז נישט געפארן קיין אומאן, דאווענען ביים קיבוץ אין מאה שערים, אזוי אז די תפילות זענען מיר געווען איינגעבאקן אין הארץ, אזעלכע תפילות איז זייער שווער צו געפינען ערגעץ אנדערש...

אבער ביי דעם האט זיך עס אפגעשטעלט, איך האב געפילט שטענדיג א חסרון. איך האב געזוכט א וועג, אין די יארן פון ישיבה גדולה בין איך געווארן א שטיקל עובד. איך פלעג דאווענען א לאנגע צייט, און לערנען שעות רצופות, אבער אזוי ווי דער רבי דערציילט אין מעשה פון דער רב און דער בן יחיד אז ער האט נישט געשפירט א טעם אין זיין עבודה... נאך אלץ האב איך נישט געפילט א טעם און א חיות און מיין לעבן, אזוי ארום האב איך חתונה געהאט, אויפגעשטעלט א שטוב, און כ'האב שוין געהאט צוויי קינדער, געהאט שיין פרנסה, א.א.וו. אלעס פון אויבן אויף איז געווען פיין און שיין, נאר די הארץ האט געבענקט נאך עפעס וואס איך ווייס נישט וואס, אין איינע פון די טעג האט מיין פרוי געטראפן אין שטוב א ספר "שבחי ושיחות הר"ן" וואס איך האב באקומען ביי מיין בר מצוה פון א חבר פון מיין טאטע, און זי איז מורא'דיג נתפעל געווארן, אזעלכע טיפע שיחות פיל מיט אמת און תמימות, אזוי צוביסלעך איז דער צדיק אריינגעקומען ביי אונז אין דערהיים, נייע עצות, א נייער וועג אין לעבן.

**וואס איז דיר עפעס געווען א חידוש? די האסט דאך שוין געוואוסט פון רבי'ן?**

אוודאי איז מיר געווען א חידוש! איך האב געוואוסט פון אלס קינד אז ס'איז דא ברסלב, אנשי שלומינו מען פארט אויף אומאן, אין מירון, מען זינגט בני היכלא שלש סעודות א.א.וו... אבער איך האב נישט געוואוסט פונעם צדיק! איך האב נישט אויפגעכאפט אז ס'איז דא א צדיק וואס פארשטייט מיין לעבן, ער האט אויף מיר שוין אויסגעקוקט און קען מיר העלפן! יעצט היינטיגע צייטן, אזוי ווי איך בין! דאס איז געווען פאר מיר א געוואלדיגער חידוש!

**דו טראכסט אז ס'איז דא פארבינדונג צווישן די נסיעה אלס קינד, צו דע נייער התקרבות אלץ יונגערמאן?**

אוודאי! בלי ספק! דער הייליגער רבי דערציילט א משל (חיי מוהר"ן תר"ג לענין עסק הקיבוץ שלו) אז ס'איז דא א געוויסע פייגל וואס לייגט זייער זייער אסאך אייער, אזויפיל אז זי קען נישט זיצן אויף זיי אלע אינאיינעם, כדי ס'זאל קענען געבוירן ווערן פון דעם קליינע פייגלעך, האט איר ה' יתברך באשאפן מיט אזא נאטור אז זי נעמט אירע אייער און פליט ארום צווישן די ביימער און וואו זי טרעפט א נעסט לייגט זי דארט שטיל אריין אפאר אייער, אן דעם וואס די 'באלאבוסטע' פון דער נעסט זאל כאפן. אזוי גייט זי צו נאך א נעסט און לייגט נאך אפאר אייער, אלעס כיטערטיש אז די פייגלעך פון די אנדערע נעסטן זאלן נישט באמערקן, אזוי צושפרייט זי רוב אייער אין אנדערע נעסטן. נאר אפאר אייער לאזט זי איבער נעבן איר און זי זיצט אויף זיי ביז זיי וואקסן אויף.

דערווייל, די פייגלעך פון די אנדערע נעסטן זיצן אויף די אייער אן דעם וואס זיי זאלן וויסן אז ס'איז גארנישט זייער אייגענע אייער, ביז עס ווערן געבוירן קליינע פייגלעך פון די אייער. דאן קומט די מאמע מיט אירע פייגלעך פון איר נעסט און פליט ארום מיט זיי איבער אלע נעסטן און זיי שרייען און קוויטשקען הויך און ווען די פייגעלעך פון אלע נעסטן הערן דעם קול, ציען זיי צו איר און לויפן שנעל אוועק פון זייער נעסט צו איר ווייל זי איז זייער אמת'ע מאמע, אזוי קומען צוריק צו איר אלע אירע קינדער!

דער רבי האט נישט דערציילט דעם נמשל, נאר האט געזאגט אז די נמשל איז פארשטענדליך פאר ווער עס האט אביסל השגה און ווייסט אביסל פון די גרויסקייט פון די הנהגה ווי אזוי דער רבי פירט זיך מיט זיינע מענטשן.

אמאל ווערט איינער מרוחק ערגעץ כדי ער זאל זאל זיך בויען אביסל, זיך אוועקשטעלן, דעמאלס קען ער שוין הערן דעם הייליגן קול פון רבי'ן וואס וועקט אים אויף זיך צו פרעגן "וואו בין איך אויף דער וועלט?!" און גלייך קומט ער צוריק צו לויפן צום צדיק...

**ישר כח ר' הערשל, ס'איז מורא'דיג מחזק! וואס קענט איר איבערגעבן די ליינער צום אויספיר?**

פון מיין מעשה קען מען זיך לערנען אז אפילו א מענטש קומט צום רבי'ן בקטנות, ער ווייסט נישט אפילו פארוואס ער איז געקומען, האט דער רבי א תיקון אויף פאר אים. ער איז אריין אין די רשימה פון דער רבינ'ס לייט! אסאך מאל קומט מען צום רבי'ן אויף ראש השנה און מען וויל פילן הרגשות צו באקומען אורות... אבער דער אמת איז אז מען דארף זיך שטארקן מיטן עצם פארן, אז איך האב זוכה געווען צו ברענגען מיין פעקל ביינער צום צדיק! דאס איז דער עיקר, איך קען שוין טאנצן און זיין פריילעך וואס מען איז זוכה. מער פון דעם איז שוין מתנות פון רבי'ן!

**דער אויבערשטער זאל העלפן איר זאלט אלע האבן א גוט יאר, און ווערן פארשריבן בספרן של צדיקים אמיתיים!**

# נקודת החבר:

## געקליבענע אויסצוגן פון שמועסן פון משפיעי אנ"ש

### הר"ר איתמר לייפער שליט"א

אין א געוויסע בחינה איז טאקע ראש השנה א יום הדין, אזוי ווי ס'שטייט 'כל באי עולם יעברון לפניך כבני מרון', די ענין פון עוברין לפניך איז, ס'שטייט פון אר"י הקדוש ווען וויינט א מענטש ראש השנה, ווען מ'איז איהם דן, ווייל ס'איז א ענין פון עוברין לפניך, די מורא'דיגע פחד וואס ס'איז דא ר"ה איז ווייל ר"ה איז מען עובר לפניך, א מענטש רעדט צום אייבערשטן א גאנץ יאר פנים אל פנים, אבער פארט ר"ה איז דא א געוויסע בחינה אז א מענטש שטייט 'ממש' פאר די אייבערשטער, עוברין לפניך, יעדע מענטש גייט אריבער און ער שטייט ממש נעבן די אייבערשטער ר"ה, און ממילא כאפט אהן א מורא'דיגע פחד.

אבער פון די אנדערע זייט, טאקע הא גופא, די מדת הדין וואס איז דא ר"ה ווייזט אויף די מורא'דיגע קרבת אלקים וואס איז באמת דא, פארוואס איז דא אזא מדת הדין?, ווייל די אייבערשטער גייט נישט אהן וואס די קעץ טוען, ווייל א קאץ איז נישט חשוב איז נישטא א דין אויף א קאץ, א מענטש ובפרט א יוד ווייל ער איז אזוי חשוב ווייל ער איז אזוי נאנט צו די אייבערשטער ווען דעם איז דא א מדת הדין, וואס גרעסער מ'איז, איז מען מער מקפיד אויף א מענטש, ווער ס'איז גרעסער איז מען מער מדקדק אויף איהם, אין ארץ ישראל איז מען דן מדה כנגד מדה.

דאס איז טאקע די גאנצע ענין פון הייליגען רבי'ן, אז א מענטש זאל נישט דערשראקן ווערן פון די גיהנם פון די מדת הדין וואס ס'איז דא אז ס'זאל איהם חלילה מרחק זיין פון אייבערשטן, דאס איז די עבודה פון רבי'ן א גאנץ יאר, ער ווייסט אז ס'איז דא א גיהנם, ער ווייסט אז דער אייבערשטער איז גאר מקפיד, איז פון דעם ווערן מענטשן מיואש... איז אויף דעם געקומען דער הייליגער רבי און מגלה געווען אז פארקערט, די אלע זאכן וואס דער אייבערשטער איז מקפיד איז אלעס ווייל דער אייבערשטער האט דיך ליב, דער רבי איז מגלה ווי גאר דער דין און דער גאנצער קפידה, וואס מען האט אראפגעשיקט דעם מענטש מיט א בחירה מיט א שכר ועונש, דאס איז אלעס נאר אהבה, ס'איז אלעס גאר נאנטקייט צום אייבערשטן.

ממילא איז ר"ה וואס ווערט נאך מער נתגלה די ענין פון מדת הדין אז גאר די מדת הדין איז כולו חסד, די ענין פון בשמך יגילון כל היום, ר"ה ווייל מ'טרעפט זיך און אזא דין און , אז דער אייבערשטער שטייט און מיך דן, איז פון די אנדערע זייט דערהער איך די ענין פון בשמך יגילון כל היום, איך שפיר ר"ה א מורא'דיגע נאנטקייט צי די אייבעשטער, אז איך בין אזוי חשוב אז מ'איז מיר דן און מ'רופט מיך אין מ'קוקט מיך אהן, ר"ה שפיר איך אז דער אייבערשטער קוקט מיך אהן, דער אייבערשטער איז מיך דן, ער וויל ברענגען צי די שענסטע תיקון.

### הר"ר ראובן ווייס שליט"א

מ'דארף נישט צופיהל מאריך זיין וועגן דעם רבינ'ס ראש השנה, וואס דא אויף דעם א גאנצע פרק אין חיי מוהר"ן, די לשונות וואס דער הייליגער רבי האט געניצט וועגן זיין ראש השנה, גודל יקרת ר"ה שלו הייסט עס, די טייערקייט פוון זיין ראש השנה, וואס דער רבי האט געזאגט אזא לשון 'ראש השנה שלי עולה על הכל' וואס דארף מען מער ווי אזא לשון.

און נאך א גרעסערע לשון וואס דער רבי האט געניצט, נאך א שארפערער לשון 'וואס זאל איך זאגן קיין גרעסער'ס פון דעם איז נישט פארהאנדען ווי צי זיין ביי מיר אויף ראש השנה', מענטשן פרעגן, וואס איז שייך צי קען דען זיין אזא זאך, אז ס'זאל זיין גרעסער ווי תורה ומצוות, וואס איז שייך גרעסער, וואס הייסט גרעסער פון אלעם?!

אבער דאס איז באמת נישט קיין קשיא, ס'דא א זאך וואס מ'זעהט אז ס'דא געוויסע עצות אויף קיום התורה והמצוות, דאס הייסט, אז כדי א מענטש זאל זוכה זיין ער זאל קענען מקיים זיין תורה ומצוות אויפדעם איז דא עצות, ס'דא א ספר חרדים, דער חרדים איז מאריך אין דעם, אז ס'דא מ'זעהט געוויסע זאכן און די ווערטער פון חז"ל, ס'דא א לשון, די חז"ל זאגן, אז איינער זאגט די שירת הים בשמחה, די שירה אז ישיר וואס מ'זאגט א יעדן טאג ביים דאווענען, ווען א מענטש פריידט זיך און ער זאגט עס מיט א שמחה, מוחלין לו כל עוונותיו, מ'איז איהם מוחל אויף אלע זיינע עבירות, איז ער שמועסט דארט אויס אז מ'זעהט אז ס'דא געוויסע זאכן וואס ס'האט א סגולה אין זיך, אזא קליינע זאך א מענטש זאגט שירת הים בשמחה, ווענן דעם איז מען איהם מוחל אלע זיינע עבירות.

ער זאגט אז ס'איז סגולה, אזוי ווי א מענטש האט א רפואה ס'דא געוויסע גראזן, וואס איז געמאכט געווארן, וואס ווען מ'נעמט איין די גראזן איז דאס מסוגל אויסצוהיילן געוויסע קרענק, מ'קען עס נישט פארשטיין ווי אזוי ס'ארבעט, אבער אזוי איז עס, איז מ'זעהט אז דער רבי האט געזאגט, אז מיין ראש השנה איז גרעסער ווי אלעס, וואס דעם פארשטייט זיך אז די נקודה איז, דער רבי האט געזאגט א לשון אז אפילו אזעלכע מענטשן, וואס א גאנץ יאר קען איך זיי נישט פאררעכטן, ר"ה קען איך זיי פאררעכטן.

מ'זעהט ס'געווען צדיקים, וואס זיי האבן געהאט געוויסע זמנים וואס זיי האבן געקענט העלפן פאר יודן, ס'באקאנט אז דער ר' מרדכי'לע מנאדווארנא האט געזאגט אז אין די ניין טעג קען מען ברענגען פאר איהם די שווערסטע קוויטלעך, ער האט געהאט א געוויסע זמן וואס ער האט געפילט אז דעמאלטס האט ער א כח, ס'דא אנדערע צדיקים, ס'איז געווען עפעס א צדיק וואס האט געזאגט אז א יאר וואס ערב ראש חודש אלול געפאלט מיטוואך אזוי ווי היי יאר, דעמאלטס קען מען פועלן ישועות, ממש אזא בחינה האט דער רבי געזאגט אז ראש השנה האט ער א מורא'דיגע כח צי מתקן זיין נשמות ישראל.

## הר״ר שמעון הלל פרנס שליט״א

ווער ס'ווייסט אביסל אין די וועלט און פון גרים פון בעלי תשובות, די מניעות וואס זיי גייען אדורך פון זייערע שטובער פון זייערע ארומיגע, מניעות פון זיך אפרייסן, מ'טוהט זיך אהן אנדערש, מ'ווערט ממש מאדנע, מ'קומט זיך שוין נישט צוזאם, מגייט שוין נישט צי חתונות אין די משפחה ווייל ס'איז דא תערובות און אזעלכע זאכן, און קיינער פון אונז האט נישט די קשיא ווי מעג ער עס טוען, ער איז דאך מצער זיינע ארומיגע, זיינע עלטערן, זיין משפחה, קיינער האט נישט די קשיא, פארוואס, ווייל יעדער איינער פארשטייט אז די זעלבע באשעפער וואס ער האט אונז געגעבן די מצוה פון כיבוד אב ואם, און די מצוה פון ואהבת לרעך כמוך, ער האט אונז געזאגט אז מ'דארף היטן די תורה.

כ'האב געהערט פון א יוד אז די וועלט זאגט מ'דארף זיין 'צי גאט און צי לייט', האט ער געזאגט אז ס'איז א טעות, מדארף נישט זיין צי גאט צי לייט, גראדע דארף מען יא זיין צי גאט און צי לייט אבער ס'דא א הקדמה מ'דארף זיין צי גאט, ס'איז נישט קיין אנדערע תכלית נאר גאט ברוך צי דינען, און ווי קומט אריין צי זיין גוט צי מענטשן, ווייל גאט ברוך הוא וויל מ'זאל זיין גוט צי מענטשן.

אונז טוה מיר נישט די אלע מידות און די אלע זאכן ווייל אונז פארשטיי מיר אז אזוי איז שיין, אזוי ווי ס'שטייט אין אלע ספרים די גוים טוען אלעס ווייל זיי פארשטייען, אז מ'טאר נישט גנב'ענען, אונז טוה מיר ווייל דער אייבערשטער האט אונז געהייסן, דער אייבערשטער האט אונז געלערנט ווי אזוי א יוד דארף אויסקוקן, ווען אייבערשטער הייסט פארקערט טוהט מען פארקערט.

אזוי ווי ביי אברהם אבינו ביי די עקידה, ער האט געשריגן קעגן די אלע געטש'קעס, די אלע וואס הייסן שחט'ן די קינדער פאר עבודה זרה, און ער האט געזאגט אז דער אייבערשטער איז א רחמן און ער האט נישט ליב אזעלכע זאכן, און דא איז דער אייבערשטער איז געקומען אין איהם געזאגט ער זאל שחט'ן זיין זוהן, איז ער געגאנגען אהן קיין חשבונות, ס'דא א באשעפער וואס איהם דינט מען, און דער זעלבער באשעפער ווען ער זאגט יא איז יא און ווען ער זאגט פארקערט איז פארקערט

## הר״ר יעקב נתן אנשין שליט״א

ברוך השם אונז האמיר די זכיה צו נעמען א חלק אין אזא הייליגע קיבוץ פון אזא גרויסע רבי וואס ער פארעט זיך טאקע מיט די גאר גאר נידריגע נשמות. ער פארעט זיך מיט אלע סארטן. טאקע פון איין זייט - אזוי ווי מען האט אנגעהויבן - מאכט עס א בלבול הדעת פאר'ן מענטש. ווייל א מענטש איז נישט צוגעוואוינט צו דעם, און אז מען קוקט מיט א חיצניות'דיגע בליק קען מען פילן - און בפשטות מיט רעכט - אז 'אויש' עס שטערט מיר'. 'פארוואס זענען דא אזעלכע סארט מענטשן?' 'וואס פעלט עס אויס אזעלכע משונה'דיגע מענטשן?' און טאקע אוודאי וויל מען מאכן השתדלות אז עס זאל זיין נארמאל, עס זאל זיין מכובד'דיג דעם פלאץ. אבער וואס זאל מען טון, דו האסט א שייכות צו אזא גרויסן רבי'ן וואס פארעט זיך מיט די גאנצע וועלט - מיט די גאנצע וועלט כפשוטו. און דו ביסט א חלק פון דעם! דו ביסט א חלק, ווייל יעדער איינער וואס קומט צום רבי'ן איז מוסיף כח פאר'ן צדיק צו טון וואס ער דארף טון. און דאס איז גאר א גרויסער חלק פון וואס ער דארף טאקע טון, זיך פארען מיט די נשמות.

איז אפילו בחיצניות זעהט אויס אז עס שטערט, און עס שטערט טאקע, אבער עס קומט פון א מורא'דיגע מעלה, דו געהערסט דא צו אזא מין פלאץ! קענסט זיך טאקע גיין אין אן אנדערע פלאץ, א מכובדיגע בהמי"ד, וועסט האבן צו עסן צו שלאפן, וועסט נישט זעהן קיין מאדנע מענטשן, מענטשן וואס דו ביסט נישט צוגעוואוינט צו זעהן, עס וועט זיין גאר גאר פיין. אבער אז דו קומסט דא צו אזא צדיק, דו נעמסט דא א חלק אין אזא סארט זאך, דו גיבסט אריין דיינע תפילות, דיין עבודת השם טוסטו דא אריין אין אזא מין קאנטע, אין אזא קאסע פון גאר גאר א גרויסע תיקון העולם. וויפיל עס שטערט דיר טאקע בחיצניות, דארפסטו אבער האבן א מורא'דיגע גליקליכקייט אז דו ביסט זוכה צו זיין א חלק פון אזא גרויסע זאך.

## הרה״ח ר׳ חיים בנימין ווערטהיימער זצ״ל

די וואך פרעגט מיר איינער, דער רבי וויל אז די פרייע זאלן קומען צו אים אויף ראש השנה, צו דער רבי וויל עס?

זאג איך אים פון וואנט זאל איך וויסן וואס דער רבי וויל?

אבער איך קען דיר דערציילן א מעשה וואס איך האב געהאט א מעשה:

אמאל האב איך געפארן ביי איינע פון מיינע נסיעות צום רבין'ס ציון האב איך געפארן אויפ'ן פליגער צוריק, ביי די פלאץ וואו איך האב געדארפט זיצן איז געווען עפעס א ווייבל סהאט נישט געפאסט, איז געווען עפעס א פרייער וואס ער האט געזעצן לעבן די ווייב'ל, ער האט געמאכט סדר און ער האט אוועק געשיקט די ווייב'ל און איך האב מיך געזעצט לעבן אים.

זיצט דארט איינער אן א קאפל, שוין איך האב געפילט אז איך דארף אים באדאנקען אז ער האט אינזינען געהאט אז איך קען זיצן גוט, האב איך אנגהויבן רעדן מיט אים עפעס א ווארט, איך הויב אן רעדן מיט אים פרעג איך אים וואו פארסטו פון וואנט קומסטו ביסטו געווען אין קיוב, זאגט ער אני בא מאומאן, ער קומט פון אומאן, ער זיצט אן א קאפל, שוין און יעצט פארט ער אהיים.

אינמיטן האט ער געוואלט עפעס עסן, האט ער געוואלט אויב מ'קען אים געבן עפעס א סידור, ער וויל זאגן ברכה ראשונה,

זאגט ער ברכה אחרונה זאגט ער נישט ברכה ראשונה זאגט ער, ער זאגט ברכה ראשונה, שוין איך האב אים געגעבן,

דערציילט ער מיר אז שוין אפאר יאר האט ער א התעוררות תשובה צוטוהן, און ער גייט פאמעלעך, ער האט שוין אנגעקומען צו נקודות פון איידשקייט וואס ער האט שוין גענומען, און ער זיך מחזק, ער האט עפעס חברים ברסלב'ער וואס זיי זענען אים מקרב, און ער קומט צו זיי אויף שבתים, און ער פארט אין אומן ווידער מאל'ן און ער האט שטארק הנאה, נאך א נקודה אין אידישקייט.

האב איך אים אנגהויבן זאגן, וואס האסטו געפילט אין אומן, זאגט ער מיר ס'זאכן וואס ביני לבין קוני איך קען נישט רעדן פון דעם, שוין ער וויל א קאפל ער האט אנגעטאן די קאפל און ברכה ראשונה האט ער געמאכט.

מדארף וויסן אז ראש השנה דאס געהערט צום צדיק, דער צדיק קען מאכן ראש השנה, ער קען דן זיין מענטשן, ער קען דן זיין מענטשן לכף זכות ער קען דן זיין עד שתגיע למקומו, ער ווייסט מקומו גרם לו, ער ווייסט וואס איז דא צו רעדן פון מענטשן, אבער עשיו .... ער לעבט פון מקטרג זיין, און ס'איז אחיזה פון יצחק אחיזה פון דינא קדישא.

# היים שטראלן
פאר די אידישע שטוב



## אפענע דיסקוסיע
ארום דעם טיש ווערט
אויסגעשמועסט און דוסקירט די
טעמע פון אומאן ראש השנה

## פרייליך און רואיג
ווי אזוי טאקע?
הערט פון די
חבר'טעס

## אשרינו...
יא איך בין
גליקליך!



# גליקליך
# אבער נאך ווי....

ווי גליקליך בין איך - אשרינו
אז איך רעכן זיך צווישן זיי - מה טוב חלקינו
איין מאן איז אין אומאן ראש השנה
צום יום הדין די בעסטע הכנה
אידישע קינדער זענען אין די טעג פארנומען
זיך צוגרייטן צום גרויסן משפט וואס וועט באלד פארקומען
מיט תשובה און תיקון המעשים
מען פארמערט מיט תפילות ותחנונים
אבער קען מען דען זיך שפירן זיכער און רואיג?
ווער ווייסט אויב כ'האב שוין געטוהן גענוג?
פאר אונז, ברסלב'ער, דארף אבער בכלל נישט באדערן די שאלה
מיר האבן שוין געשטעלט דעם בעסטן מזל טוב ביים בי"ד של מעלה

דער רבי האט דאך קלאר געזאגט, "אלע זאלן ביי מיר זיין"
"קיין גרעסערס פון איין ראש השנה, איז נישט פארהאן"
איז אויב איך האב גערן, מיט שמחה און פרייד
אויף די נסיעה קיין אומאן, איין מאן באגלייט
האב איך דאך געטאן די מערסטע און בעסטע וואס פאר מיר איז שייך
פון יעצט און ווייטער, איז שוין אלעס נאר הכל ריוח
צו איך וועל קענען אין שול גיין
צו איך וועל בלייבן מיט די קליינע אינדערהיים
וויפיל איך וועל קענען דאווענען און וויפיל נישט
וויאזוי עס וועט אויסזעהן די ראש השנה'דיגע טיש
ווי דער רבי האט אונז אנטפלעקט מיט זיינע הייליגע רייד
"אין די ערשטע נאכט ראש השנה - פיר איך אריבער אלע איינע לייט!"
צו דארפן מיר דען עפעס מער - ווי די הבטחה אזוי קלאר?
דער רבי אליין, וועט פועל'ן פאר אונז א זיסע געבענטשטע יאר!!
די שוועריקייטן, נאר א פארבלענדעניש פאַר שָׂכָר
מיר זאלן נישט כאפן וואספארא גרויסע זאכן קומען דארט פאָר

אוודאי איז שווער צו בלייבן אום יום טוב, מיט די קינדער אליין
און נאך דערצו האבן איבעריגע רחמנות און איטלייד אויסצושטיין
אבער קלער א מינוט אריין
טייערע שוועסטער מיין
איז עס נישט א קליינע פרייז צו צאלן אנטקעגן וואס מיר באקומען?!
אפשר גאר פארסטאן זיך גרעסערע שוועריקייטן
וואס מען האט פון פריער געטוהן באשטימען
איז לאמיר זיך שטארקן אויף אונזערע מניעות
און מיט א בליק אויף פאראויס קוקן
מיט פרייליכקייט אונזערע מענער קיין אומאן שיקן
דאן וועלן מיר ענדליך זיין א טייל פון דעם געזאנג; "אשרינו"
וואויל איז אונז - שזכינו להתקרב לרבינו"!



א לעבעדיגע אפענע שמועס

# ארום דעם טיש

מיר זיצן ארום דעם טיש אין א שמועס מיט נשים צדקניות וועלכע גרייטן זיך צום דערהויבענעם ראש השנה אינאיינעם מיטן רבי'ן. צווישן זיי זענען פאראן אומערפארענע וועלכע האבן זיך ערשט נישט לאנג צוריק באקענט מיט די באגריפן פון אומאן ראש השנה.
**מיר גיבן זיי א געלעגנהייט צו פרעגן זייערע שאלות און גלייכצייטיג וועלן מיר האבן דעם כבוד צו הערן עצות פון ערפארענע אין דעם געביט.**

# ווער היט די קינדער

### צום ערשט הערן מיר פון מרת גרינבוים תחי', א מאמע פון א שטוב מיט אינגלעך בליעה"ר, וועלכע פרעגט פארלוירנערהייט:

וואס טוט מען מיט די אינגלעך, רבונו של עולם?! א גאנצן ראש השנה זיך דרייען אן קיין אויפזיכט? ווי איז דאס געהערט געווארן? ווער נעמט אחריות אויף דעם? איך רעדט שוין נישט פון מיין אייגענע שוועריגקייט צו באהאנדלען דעם אינגל פאלק, נאר פשוט זייער רוחניות! פאריגעס יאר איז מיין מאן געפארן דעם ערשטן יאר און ס'איז מיר געווען זייער שווער דאס צו באגרייפן. אצינד אז ער גרייט זיך ווידער צו פארן קיין אומאן בין איך זייער דערשראקן. ווי אזוי געבט מען זיך אן עצה?

### מרת שווארץ תחי', אויך א מאמע פון געוועזענע אינגלעך וועלכע זענען שוין היינטיגע בחורים און פארן שוין קיין אומאן, בארואיגט איר:

טייערע מרת גרינבוים, וואס זענט איר אזוי איבערגענומען? פון אייער שאלה קוקט אויס ווי די וועלט גייט אט צאמפאלן... איך וויל אייך פרעגן א שאלה אויף צוריק, ווער געבט אכטונג אויף אייערע אינגלעך אינדערפרי, נאכמיטאג און ביינאכט? אה, וואס הייסט, מיין מאן.

יא? ווער היט אים אין קעמפ? א גאנצע זומער, א האלבע זומער, ווי לאנג האבן זיי זיך געפונען אליין אן אייער מאנ'ס אויפזיכט? וואס ווייסט איר וואס אייער זון האט יא אדער נישט געטון דארט? ס'געווען מלמדים, מדריכים און משגיחים, און אפילו ערפארענע וועמען מען קען געטרויען, זייער פיין, אבער קענען מיר דען וויסן פון וועלכע ווינקל דער שטן וועט ארויסטאנצן? זענען פאראהאן די עלטערן וועלכע קענען זאגן מיט א רואיגקייט אז זיי קענען היטן און באהיטן זייערע קינדער פון אלעם בייזן, ברוחניות אוודאי און אויך בגשמיות? דער אויבערשטער זאל אונז אלעמען אויסהיטן.

די איינציגסטע זאך אויף וואס מיר קענען זיך פארזיכערן אלס השתדלות צו היטן אונזערע טייערע קינדער איז נאר רוחניות. דאס מיינט אסאך תפילות און בקשות, גיין צו קברי צדיקים צו בעטן אז זיי זאלן מגין זיין אויף אונז און אזוי אויך צושטיין צו די רעכטע זייט מיטן מאן וועלכע פארט קיין אומאן אויף ראש השנה וואס דאן איז די צייט ווען מען קען זיך איינקויפן קרעדיט צו היטן אונזערע קינדער אויפן גאנצן יאר און נישט נאר אויף ראש השנה. ריכטיג, די קינדער זענען הפקר פעטרישקע א וואך צייט און דאס יאר קומט דאס אויס אביסל לעגנער, אבער דאס איז א קליינע פרייז צו צאלן פאר די 'שומרים' וואס מען האנדלט זיך איין אויפן יאר. דאס איז א נייע באגריף וואס איר וועט זיך מוזן איינגעוועמען אין קאפ.

די ווערטער ביז אהער האב איך געמיינט צו זאגן אויב מען האט שוין פרובירט אלע מיטלען צו מסדר זיין די קינדער זיי זאלן האבן די ריכטיגע און בעסטע קאנטראל און פארט האט זיך געמאכט אז זיי דרייען זיך אן אן אויפזיכט. אבער לכתחילה איז זיכער וויכטיג צו האלטן די קינדער אין א ראם. אויב קענען זיי מיטפארן מיטן טאטן איז דאס זייער געוויגטשן. אז נישט קען מען דינגען א איינגערמאן אדער שיקן צו א בעביסיטער. איין יאר האב איך געשיקט מיין אינגל צו זיין חבר'ס שטוב פאר באצאלט. ער פון זיין זייט איז געווען גליקליך צו זיין ביי זיין חבר'ס שטוב און איך בין געווען רואיג אז ער האט א נארמאלע סדר איבער ראש השנה. יעדע קינד אין יעדע עלטער האט זיך זייניגע מיטלען ווי אזוי אים צו שטעלן אין א ראם.

אבער איך האב שוין אויך געהאט ראש השנה'ס ווען איך האב מיך אליין געספראוועט מיט מיין בנים. מיין מאן האט זיי באזארגט מיט א זיץ אין א לאקאלע נאנטע ביהמ"ד וואס איז זיי באקאנט צו קענען דאווענען מיט מנין. פארן ארויס פון שטוב פלעג איך זיי זאגן אז זיי זאלן זיך אומקוקן צווישן

## "דאס איז די רעצעפט פאר א גליקליך לעבן בזה ובבא"

די מתפללים ביי וועמען איך וועל מיך קענען נאכפרעגן ווי אזוי זיי האבן געדאווענט. דאס האט זייער געווירקט אויף זיי. זיי פלעגן זיך פרובירן צו דרייען נעבן באקאנטע משפחות און זיך אויפפירן ווי עס באדארף צו זיין און נאך ראש השנה האב איך אנגעקלינגען יעמענ'ס פרוי און געהייסן זיך נאכפרעגן ווי אזוי מיינע אינגלעך האבן זיך אויפגעפירט. דערנאך האט מען געמאכט א גאנצע מצב ארום דעם גוטן גריס.

מען דארף זיין אביסל שעפעריש און אויסטראכטן געדאנקען וואס קען אונטערקויפן די קינדער. ס'קען זיין קארטלעך, טיקעטס, מתנות אדער גוטע זאכן. ס'איז א צייט צו האלטן דעם געמיט וואס מער פאזיטיוו און וואס וויניגער מחנך זיין די קינדער. גארנישט אנטלויפט נישט, מען האט צייט צו לערנען די קינדער אוועקצולייגן די פידזאמעס אויפן פלאץ נאך ראש השנה. ס'איז א שאד צו ווידמען ענערגיע אויף מינדערוויכטיגע זאכן.

טייערע מאמע, ביטע שוינט אייער כח. מאכט אייך באקוועם און גרינג מיט אנדערע זייטיגע זאכן אז עס זאל אייך נאך איבערבלייבן כח צו באהאנדלען אייערע בנים מיט א פאזיטיוון צוגאנג. פועל'ט אלעס גוטס!

## ס'איז מיר שווער

### און דא הערט מען פון מרת אייזנבערג תחי, א אינגע מאמע פון איין קינד בליעה"ר, וועלכע טייטלט מיר איר שוועריגקייט:

מיין מאן איז שוין געפארן קיין אומאן דריי יאר זייט מיין חתונה און יעדע מאל קען איך זאגן אז ס'איז מיר געווען שווער אבער כ'האב עס אויסגעהאלטן. אבער די יאר פיל איך אז מיין מאן קען נישט פארן. ס'איז נישט קיין עניין פון אומבאקוועמליכקייט נאר ממש אן אוממעגליכע זאך. כ'מיין אז יעדער דיין אדער רב וואלט אים אזוי גע'פסקנ'ט. אבער צו מיין ערשטוינונג האב איך מיטגעהאלטן ווי מיין מאן האט געהעריג געמאכט טיקעטס צו פארן קיין אומאן כאילו לא היה... ווי אזוי קען איך מיך מחזק זיין מיט מיין שוועריגקייט?

### ענטפער פון מרת ווייס תחי, וואס איר מאן פארט שוין קיין אומאן פאר אכצן יאר ברציפות אפילו אין א יאר ווען עס האט זיך געמאכט אויסטערלישע שוועריגקייטן:

פון קינדערגארטן אן לערנט מען די קינדער אז ראש השנה שרייבט מען אף פארן מענטש וואס פאראַ יאר ער וועט האבן. און ווי דער רבי זאגט אז א מענטש איז מוכן אויף דער וועלט צו ליידן צער און יסורים, דער רבי רעכנט אויס אלע מיני לשונות פון צער און אז די וועלט איז א גיהנם ר"ל.

ס'איז נישטא קיין וועג ארויס, דאס איז דער מציאות פון דעם עולם. און יעדע יאר ראש השנה ווערט אנגעשריבן וויפיל מאס צער א מענטש זאל ליידן ר"ל איבערן יאר.

לאמיר זאגן אז פאר א מענטש איז אנגעגרייט צו ליידן זיבן מיט א האלב קילא יסורים, דער אויבערשטער זאל אונז שומר ומציל זיין. דאס אפצוליידן במשך דאס יאר, איז נישט קיין פשוט'ע עניין. וויפיל פראבלעמען און יסורים ליגט אין דעם מאסם? ווי אזוי וועלן זיך די יסורים אויסשטעלן? וועט דאס זיין איין גרויסע צרה אדער זיבן קלענערע צרות? מען קען נישט וויסן.

אלזא, פרעגט זיך די שאלה: איז דא א וועג פטור צו ווערן פון די אנגעגרייטע יסורים? יא, מיר קענען זיך אויסקויפן צער און יסורים אויף דער וועלט דורך ליידן רוחניות'דיגע שוועריגקייטן.

וויפיל קילא יסורים איז אייער הקרבה פאר אייער מאנ'ס ראש השנה? זיבן קילא? צוואנציג קילא? הונדערט טויזנט קילא? וועגט דאס אפ און שאצט א נומער (ווי העכער אלץ בעסער...) און דאס וועט זיין אן אויסבייט פאר אייער אנגעגרייטע מאס יסורים ה"י. זייט נישט קיין נאר און כאפט אריין, ס'איז א שאד צו פארפאסן די געלעגנהייט. טייערע מרת אייזנבערג תחי', ס'איז אייך שווער אז אייער מאן פארט אוועק, אבער ווער איז בכלל פארזיכערט מיט א מאן? מען הערט גענוג געפערליכע מעשיות אויף דער וועלט און קיינער קען נישט קומען זאגן מיט א פולן מויל אז צו מיר וועט דאס נישט פאסירן. מיר ווייסן נישט וואס דער מארגן וועט ברענגען און אויך נישט דער הייגט... די איינציגסטע זאך וואס מיר קענען טון איז זיך פארזיכערן אין דעם כח פון צדיקים אז זיי זאלן אונז אויסגלעטן אונזער וועג צום גוטן און אונז אויסהיטן פון אלע שוועריגקייטן און פראבלעמען וואס עס קען נאר קומען אויף אונז און מיר זאלן געהאלפן ווערן מיט ישועות און רפואות בקרוב. איין זאך איז קלאר, איר מוזט היטן אויף אייער געזונט, אנשטאט צו טראכטן און זיך ערגערן אויף אייער מצב זאלט איר בעסער אריינקלערן מיט וואס איר קענט זיך פארגרינגערן. רעדט צו נאך פרויען אין אייערע שיך און הערט פון זיי ווי אזוי מען איז זיך מסדר טעכניש. און איבער אלעם זייט פריילך, איר האט א גוטן מליץ יושר וואס גייט פאר אייך...

## פלוצלינג איז דא געלט...

### די שמועס ציעט זיך ווייטער, און דא רופט זיך אן מרת גרינפעלד תחי', א מאמע פון א קינדער געבענטשטע שטוב בליעה"ר:

מיין מאן האט זיך באקענט מיט ברסלב פאר עטליכע יאר צוריק און ער פארט שוין קיין אומאן א צווייטע מאל. אבער איין זאך וואונדערט מיר, ווי אזוי מעג מען אויסגעבן אזויפיל געלט ווען מיר מוטשן זיך מיט פרנסה. צוויי קינדער ביי מיר גייען מיט אפגעריסענע שיך, די רער פון קאך קראן קומט ארויף מיט געפערליכע שמוץ, און עסן פארמאגן מיר נאר די מינימום אונז צו דערהאלטן ביים לעבן.

די חובות דריקן צום דערשטיקט ווערן און פלוצלונג הער איך ווי מיין מאן האט איינגעהאנדלט א טיקעט פאר גרויס געלט און גרייט זיך אויף זיין נסיעה. איך רעדט זיך חס ושלום נישט אפ אויף די נסיעה אליין, איך בין גליקליך אז מיין מאן איז א ברסלב'ער, אבער דער עניין פון געלט איז מיר זייער שווער צו פארשטיין.

### מרת שפירא תחי, א מאמע פון זעכצן קינדער בליעה"ר וועלכע לעבט מיט אן איינגעצוימטע בודזשעט, מאכט איר קלאר:

איך וויל אייך פרעגן א שאלה, אויב אייער מאן וואלט נישט געפארן קיין אומאן וואלטן די חובות געדעקט געווארן? אייער צער וואלט פאראכטן געווארן? און איר וואלט געקענט קויפן אלעס וואס איר ברויכט נייטיג האבן? אויב יא, קען מען אפשר טראכטן אז איר זענט גערעכט. אויב די איינציגסטע אפהאלט פאר א ברייטע לעבן איז דאס פארן קיין אומאן, קען דער יצר הרע אייך קומען איינרעדן אז די נסיעה איז ממש א פראבלעם.

אבער דער אמת ווייסן מיר אלע, דו און איך, אז נישט דא שטעקט דער סוד פון הצלחה אין פרנסה. אויב אייער מאן וועט נישט פארן קיין אומאן וועט איר נאכנישט זיין קיין געהאלפענע. איך זאג נישט וואס א טייל האלטן אז אויב שוין יא חובות זאל מען שוין לעבן ברייט, ניין, דער רבי האט זייער נישט געהאלטן פון חובות, איך מיין נאר צו זאגן אז איר האט דא געמאכט אייך גרויסע מיש - מאש

פון צוויי פראבלעמען: אייגס, אז איר האט חובות, און דאס צווייטע אז אומאן איז א גרויסע הוצאה און אין אייער קאפ האט איר אויסגעמישט די צוויי אין איין טאפ. אין אנדערע ווערטער, אויב האט מען חובות מעג מען שוין נישט פארן קיין אומאן. (נישט גענוג וואס דער מאן איז פארפלאנטערט מיט חובות זאל ער אן אומאן אויך נישט האבן...?)

אויב וואלט איר געוואוסט אז אייער מאן האט עפעס א ביזנעס מיטינג אין האנג-קאנג, וואלט איר אים ערלויבט צו פארן פריוון דארט זיין מזל? לכאורה יא, אפילו ער וועט דארפן צוזאמקראצן געלט פאר די הוצאות.

וואו קען מען האבן א בעסערע ביזנעס מיטינג ווי ביים רבי'ן? און ס'קען זיין אז ווען ער וועט צוריקקומען וועט איר נאכנישט געווינען די מיליאן-דאלארדיגע לאטערי, אבער איר וועט זיכער געווינען די לאטערי אין אייער קאפ. דער רבי געבט א דעת צו זען די פראבלעמען אין אן אנדערע ליכט און געבט כח צו קענען זיך ספראוווען דערמיט.

אלזא, טייערע מרת גרינפעלד תחי', ס'איז אייך ביטער שווער אדורכצושטופן דעם טאג, און איר קלערט ווארשיינליך אז ווען איר האט ווען די צוויי טויזנט דאלאר וואס עס קאסט אפ די נסיעה, וואלט איר זיך ווען ממש מחי' געווען. איר וואלט ארומגעלאפן צו די געשעפטן און זיך אייגעהאנדלט פון אלעם גוטן. אבער כ'וויל אייך פרעגן א שאלה, ווילאנג וואלט איר געווען רואיג מיט אייער איינקויף? איין טאג? צוויי? לאמיר זאגן דריי חדשים! א געוואלד מיט צייט צו זיין רואיג מיט א שאפינג. אבער וואס וואלט איר געטון מיט די איבעריגע ניין חדשים וואס עס איז אייך פארבליבן אדורכצושטופן דעם יאר? ווי אזוי וואלט איר זיך דערהאלטן. דעריבער, זייט רואיג, איר ברויכט די נסיעה קיין אומאן, יא געלט נישט געלט...

ביי מיר איז אויך נישט דא קיין איבעריגע שקל און צומאל גייט מען מיט אפגעניצטע שיך, די בור (סוער) אין קאפ קען אויך ארויפקומען און עסן קויפט מען נישט קיין לוקסוס, אבער מיר זענען זייער מקפיד צו אוועקלייגן געלט א גאנץ יאר. רבי לוי יצחק בענדער ז"ל רעדט אסאך דערפון. "האסט דאך געוואוסט אז עס קומט אן אומאן, וואו ביסטו געווען א גאנץ יאר?" דער רבי'ר לאזט נישט מאכן קיין חובות, דעריבער דארף מען זיין אויסגערעכנט פון פאראויס.

איך וועל אייך זאגן ווי אזוי עס ארבעט ביי מיר. איך האלט אין א קאף לעדל א צוגעמאכטע קאסע, גוט פארקלעבט דעם דעקל אז איך זאל דאס נישט קענען גרינגערהייט עפענען, און איך בין זיך משתדל אריינצוווארפן געלט פון צייט צו צייט און דעריבער דאנק איך פאר די פריערדיגע יארן וואס מיר האבן געווען זוכה צו א הייליגע ראש השנה און איך לייג אויך צו א הייסע תפילה אז מיין מאן און קינדער זאלן זוכה זיין אויך דאס יאר צו פארן קיין אומאן גרינגערהייט אן קיין חובות. די פעולה ברענגט מיר א געוואלדיגע נאנטקייט צום רבי'ן און ראש השנה, עס ברענגט מיר ארויף כיסופין און לעכצעניש. און ס'איז נישט אז די עטליכע פרוטות וואס איך ווארף אריין וועט דעקן די אומגעהויערע קאסטן, נאר די תפילות און הודאה וואס איך לייג צו ברענגען געוואלדיגע ישועות מעל הטבע. איך קען זאגן אז מיין מאן האט נישט קיין חובות פון די אומאן נסיעות, יעדעס יאר האבן מיר אונזער אייגנארטיגע שפע וואס קומט אראפ. איך שפיר אז אומאן האט א באזונדערע קאסע אזוי ווי הוצאות שבת ויום טוב וואס גייט נישט אריין אין דעם אלגעמיינעם חשבון. דעריבער איז א שאד צו קארגן אויף דעם ווייל איר וועט בלייבן אויסגעשפילט פוןביידע זייטן, נישט קיין געלט און נישט קיין אומאן. ס'איז א שאד.

טעכניש גערעדט, אז איר בלייבט שטעקן ראש השנה אליין אין ענגשאפט אן אייער מאן, ווערט נישט געפאלן ביי זיך. זייט אייך מחזק און פראוועט א שיינע יום טוב מיט די קינדער. דעקט שיין טיש און לייגט ארויס געשמאקע מאכלים וואס וועט אייך אריינברענגען א שמחת יום טוב און מיט די שמחה וועט איר קענען פועל'ן גרויסע זאכן.

## די וועלט'ס רחמנות...

### דאן האט זיך אנגערופן מרת דייטש תחי, א פרוי וועלכע ווארט געהאלפן צו ווערן מיט קינדער, מיטטיילנדיג איר פראבלעם:

מיין מאן פארט דאס יאר צום ערשטן מאל קיין אומאן. איך אליין האב נישט עכט קיין פראבלעם דערמיט, זאל ער טאקע גיין און אויס'פועל'ן א ישועה, אבער איך שעם מיך זייער שטארק פון מיין סביבה. צו האלטן א סוד איז נאריש און צו זיין אפן דערמיט קאסט מיר אומגעהויערע כוחות. ביי אונז איז מען שטארק קעגן ברסלב איבערהויפט אומאן. ביי מיין ארבעט הייבט מען ברעמען אויף מיר און ביי מיין מאמע פארשטייט מען נישט ווי אזוי מען לאזט איבער א פרוי אליין אויף אזא לאנגע צייט. דאס איז א תירוץ צו שטורעמען קעגן מיין מאן. בקיצור, איך בין געווארן די וועלט'ס רחמנות. ווי אזוי קען איך מיך שטארקן איבער די בושה?

### ווען גייט דאס אן??? רופט זיך אן מרת שטיין תחי, וועלכע איז אויך אריבער אן ענליכע סיטואציע פאר עטליכע יאר צוריק:

היינט קען איך עס שוין זאגן מיט א פולן מויל, אבער איך האב געהאט שווערע צייטן ווי אייך, ווען איך האב מיך געשעמט צו דערמאנען דאס ווארט אומאן. ס'איז געווען ווי א פארבאטענע ווארט וואס מען דארף אויסהיטן פאר יעדן פרייז. איך האב געדרייט די שמועסן פון אלע זייטן כדי צו שטיין וואס ווייטער פון דער ווארט.

איך וועל אייך דא מגלה זיין א סוד: בושה ברענגט זיך דער מענטש אליין!!! אה, וואס?? יענער פארשעמט מיר, דערנידערט מיר, רעדט אונטער מיין רוקן און איר זאגט אז איך פארשעם מיך אליין? יא.

אז איר זענט מקבל די פארשעמונג האט איר זיך אליין באשטראפט. לאמיר אייך פרעגן, ווען אן עושר זאל הערן ווי מען שושקעט הינטער זיין רוקן וואס פאר א רחמנות ער איז אז ער דארף נעבעך פירן אזעלכע גרויסע געלטער פון איין קאנטע צום צווייטן, וואלט ער זיך באליידיגט? זיכער אז נישט. ער וואלט יענעם געלאזט רעדן און זיך ווייטער געפירט זיינע געשעפטן מיט הצלחה.

טייערע מרת דייטש, איר זענט פארשעמט? פון וואס? פון אייער עשירות? אז איר זענט זוכה צו א מאן וואס האט איינגעזעצן דעם רבי'נס אור און פארט קיין אומאן? איר זענט א ביליאנערין! איר ברענגט נישט קיין שאנדע אויף זיך.

גייט מיט א גלייכע רוקן און זאגט ארויס דעם ווארט מיט שטאלץ. ווען איך האב געטוישט מיין גאנצע כאראקטער איבער דעם ענין האב איך מיטאמאל באמערקט ווי מיינע ארומיגע טוישן אויך זייער רעאקציע. היינט קוק איך שוין אן מיינע ארומיגע פאר רחמנות'לעך אז זיי בלייבן נעבעך הינטערשטעליג אין אזא גרויסע און פארכטיגע טאג ווי ראש השנה.

אז איך גיי אין גאס ראש השנה און איך זע משפחות גייען אינאיינעם, קוקט דאס מיר אויס אזוי מאדנע, וואס האט א מאן צוטון ערגעץ אנדערש אויסער אין אומאן, נעבעך, פארוואס ווייסט ער נישט פון דעם סוד? צומאל לייג איך צו א תפילה אז דעם רבי'נ'ס אור זאל זיך צעשפרייטן אויפן גאנצן וועלט און יעדער זאל וויסן אז עס איז דא א רבי וואס גייט פאר אונז.

ניין, איר זענט נישט די וועלט'ס רחמנות. איר זענט די וועלט'ס העלד. אן עצה טובה איז אז איר זאלט זיך אנפילן מיט ידיעות און השקפה איבער דעם גאנצן ענין אז איר זאלט וויסן פון אייער עשירות. אן עושר וואס ווייסט נישט די ווערד פון זיינע פארמעגנס קען טאקע ווערן געפאלן ביי זיך. ס'איז א שאד צו דערלייגן אייער פארמעגן.

נאר איין זאך איז קלאר און וויכטיג צו האלטן פאר די אויגן, אין קיין פאל זאלט איר זיך נישט אריינלאזן אין זינלאזע טענה'רייען. איר וועט ממילא נישט מצליח זיין איבערצומאכן די וועלט, ס'איז א שאד פאר די הארווואניע און הארץ עסעניישן וואס אזעלכע וויכוחים ברענגען מיט זיך. ס'איז גענוג וואס איר ווייסט אין הארצן דעם אמת און מיט דעם זענט איר שוין א געווינער!

## וואס איז מיט מיין מיינונג?

### מיט א פארווייטאגטע קול רופט זיך אן מרת כהן תחי, א מאמע פון צוויי קינדער בלעה"ר וועמענ'ס מאן פארט היי יאר צום ערשטן מאל קיין אומאן:

מיין מאן איז איין טאג אהיימגעקומען מיט די 'גוטע' בשורה אז ער וויל פארן קיין אומאן און נאך איידער וואס ווען, האט ער שוין געקויפט א טיקעט און פארטיג. ער האט מיר בכלל נישט געפרעגט צו איך בין מסכים דערצו, אדער אז איך וועל קענען זיין אליין מיט די קליינע קינדער. איך האב געמיינט אז מאן און ווייב שמועסן אויס ענינים פון לעבן. ווי אזוי קען זיין אז ער האט געמאכט אזא וויכטיגע החלטה אן מיין צושטימונג?

### מרת לעווי תחי, א פרוי וועלכע האט שוין מיטגעלעבט איבער צען ראש השנה'ס וואס איר מאן איז געפארן קיין אומאן, האט זיך צוקאכט:

ווען איר וועט האלטן ביים איבערקאלעכן אייער הויז וועט אייער מאן אייך פרעגן וועלכע קאליר קאלעך איר ווילט ניצן און אויב ס'זאל זיין גלאנציג אדער גלאט, אבער אז עס קומט צו זיין אייגן לעבן, איבערהויפט זיין רוחניות'דיגע לעבן, האט א פרוי בכלל נישט אריינצורעדן דערין. די דעמאקראטישע ladies first (פרויען קומען קודם) איז נישט נאר עפעס קעגן די תורה נאר אפילו פאר זיך איז עס א הוילע בלאף און ליגנט. פרויען וואס שטופן זיך די נאז וואו זיי באלאנגען נישט זענען נישט צום מכבד זיין. אלע כבוד וואס זיי באקומען איז נאר אויף צוריקצובאקומען אינטערעסן פאר זיך.

טייערע מרת כהן, די טבע ווי אזוי דער אויבערשטער האט אויסגעשטעלט די בריאה איז אז א פרוי וועט זיין גרייט צו טון אלעס אין דער וועלט, גארנישט וועט איר שווער זיין, אז איר מאן זאל זיין צופרידן פון איר. איר דארפט פשוט ניצן די באהאלטענע כוחות וואס דער אויבערשטער האט איינגעפלאנצט אין אייער ווען אזוי פרי ווי ביי ששת ימי בראשית.

רות האט געזאגט צו אירע שנירן: "זאל גאט אייך געבן צו טרעפן מנוחה, יעדע פרוי ביי איר מאן אין שטוב..."

זאגט רבי יוחנן: "ס'איז נישטא ביי א פרוי קיין רואונג און פארגעניגן נאר ביי איר מאן..."

פונקט ווי א פיש קען נישט לעבן אן וואסער און א לייב קען לעבן נאר אין וואלד (אין חיות גארטן שטאפט מען זיי מיט מעדיצינען צו עטוואס פארשלעפערן...), אזוי איז דאס פלאץ פאר א פרוי זיך צו האדעווען ביי איר מאן. און פארשטייט זיך, זיין אונטערגעווארפן אונטער זיין הנהגה. נאר אזוי קען זי האבן א גוטע און פרייליכע לעבן.

ווייל און ביטער איז ווען א פרוי פארגעסט איר ראלע און טויזנט מאל מער ווייל און ביטער פאר איר מאן... אז זי וויל איבערנעמען די הנהגה איז זי אויסגעשטעלט צו קאטאסטראפיע.

יעדע פרוי לעכצעט צו האבן א שטארקע מאן – א רוקן ביין און כדי זוכה זיין דערצו קען מען נאר ווען די פרוי איז אונטער אים מיטן פולסטן הכנעה במחשבה, בדיבור ובמעשה. במחשבה: זי זאל נישט טראכטן קיין שלעכטס איבער אים; בדיבור: זי זאל זיך באניצן מיט איידעלע און אנגענעמע רייד; ובמעשה: זי זאל טון אלעס וואס איז אין איר מעגליכקייט וואס ברענגט כבוד פארן מאן.

דאס איז די רעצעפט פאר א גליקליך לעבן בזה ובבא.

מרת כהן, ס'איז אייך שווער אז אייער מאן האט אייך נישט אריינגענומען אין א דיסקאסיע איבער זיין פארן? ס'קען גאר זיין איר זענט דעם גורם דערצו, אפשר האט ער נישט געוואלט אריינגיין מיט אייך אין ויכוחים. פרובירט זיך צו מכניע זיין פאר אים און שמועסן מיט אים אין א פאזיטיוון אופן און באמערקט זיין רעאקציע. ס'איז צום גלייבן אז ער וועט זיין אפן צו אייך און אייך מסביר זיין וואס ער האט אויפן הארצן.

עס זענען פאראן פארפעלקער וואס די נסיעה קין אומאן איז א געלעגנהייט צו בויען זייער קשר ווען איינער געבט אוועק פארן צווייטן און דערנאך זענען פאראן פארקערט, די נסיעה ברעגנט זיין נאר עגמת נפש און דערווייטערונג איינע פון צווייטן. ס'איז אין אייער בחירה אין וועלכע קאטעגאריע איר ווילט זיך געפונען...

# א פרייק
# יום ט

## פרויען טיילן מי
## אייגענע ערפאר
## ארייצוברענגען
## יום טוב און א
## שטימונג אין שט
## די טאטע אי

ערב ראש השנה שטעל איך מיינע קינדער צו באפיצן טעלערס. איך קויף ביי די שקל געשעפט קליינע טשאטשקעס פון ראש השנה צו ארויסלייגן אויפן טיש. די קינדער קענען שוין קוים ווארטן אויף ערב ראש השנה ווען מען וועט שיין טיש דעקן און יעדער וועט באקומען א באזונדערע טעלער מיט די סימנים ביי איר פלאץ.

ווען מען זעצט זיך צום טיש און דער יצר הרע וויל ארייננברענגען אן אומעטיגן געפיל אז דעם טאטענ'ס פלאץ איז ליידיג, מאכן די קינדער זיכער מיט זייער פרייליכע געפילדער, אז איך זאל פארגעסן פון מיר און זיך פרייען מיט זייער שמחה.

(כ.ל.ב., בית שמש)

איך פרוביר ארייננצולייגן אין די קינדער אז מיר זענען נישט אזא 'רחמנות' אז דער טאטע איז געפארן קיין אומאן, נאר פארקערט אויב עפעס איז ער דער רחמנות. מיר זיצן זיך אינדערהיים און שלאפן אינעם באקוועמען בעט און טאטי דארף זיך נעבעך וואלגערן פאר לאנגע שעות איבער די וועגן און שטעגן אן קיין נארמאלע פלאץ צו שלאפן און עסן. אין אוקריינע איז שוין גוט קאלט. אסאך מאל רעגנט דארט. ס'איז נישט אזא וואקאציע ווי מען מיינט. מען קומט אהיים גוט אויסגעמוטשעט. און נישט נאר דאס, נאר מיר ווערן נאך גלייכע שותפים מיט די זכי', אויך מיר זענען זוכה צו די אלע גוטע הבטחות וואס דער רבי האט צוגעזאגט

אלס הכרת הטוב פאר דעם, שטעל איך אוועק די קינדער צו מאכן פארן טאטן שיינע טאוולעך און קארטלעך ווי זיי דריקן אויס זייער דאנק און יעדער שרייבט איין גוטע זאך צו וואס מען קען זוכה זיין אז מען פאלגט דעם רבי'ן און מען פארט קיין אומאן.

די טאוולעך הענגט מען אויף. עס געבט אריין א געפיל פון שטצונג פארן דעם רבינ'ס זאך.

(כ.ס.ר.ב., בית שמש)

יעדעס מאל וואס מ
מיר א גרויסע ברוכ
מיר אינמיטן יאר אוי
האט דאס עפעס א ט
גרייט צו א שיינע מ
אפצוגעבן פאר די קי
נישט געווען אין שפ
שנה טובה קארטלען
אהיימגעברענגט פון
צומאל איבעראש אי
מיין מאן טיילט אויס
יעבור, די קינדער דא

# ...ליכן
# ...טוב!

...ט פון זייער
...רונג ווי אזוי
...ן א שמחת
...פרייליכע
...טוב אויך ווען
...ז נישטא

אמאל ווען איך האב געהאט קליינע קינדער פלעג איך זיך מאכן גרינגער און נישט געהעריג קאכן נאר די מינימום, ווי א טאפ זופ מיט לאקשן, אביסל פיש מיט פלייש יוצא צו זיין און פארטיג. דער ראש השנה איז אריבער ווי אין א קינדערגארטן מיט נאש און שפילערייען, וואס האט נישט איבערגעלאזט קיין גוטע השפעה אויף מיר אויך נישט. היינט אז איך האב שוין די גרויסע קינדער, קען איך שוין נישט מאכן די סארט קינדער-שפיל. איך קאך געהעריגע גרויסארטיגע סעודות וואס פאסט פאר א יום-טוב. מען קויפט שיינע געשיר און נעפקינס און מען דעקט הערליך טיש. עס קומט מיר נאך אויס כמעט יעדעס יאר צו האבן געסט, דאס מאכט אז מען זאל זיך מוזן צושטעלן צו א געהעריגע סדר-היום.

אינדערפרי גייט מען ארויס אין שול, א זאך וואס איך האב נישט געטון ווען איך האב געהאט קליינע קינדער. און נאכן דאווענען מאכט מען געהעריג קידוש און מען פראווועט א הערליכע סעודה. אז עס געלונגט מיר צו מאכן דעם עולם זינגען זמירות איז עס א סעודה ערשט-קלאסיג..

(ר.וו., ירושלים)

ביי מיר איז פיצא א זאך וואס מען קויפט צוויי-דריי מאל אין יאר און איינע פון די מאלן איז ערב ראש השנה. איך רעדט אפ מיט מיינע קינדער דעם טאג פאר זכור-ברית אז ווען די גאנצע הויז וועט זיין גרייט לכבוד יום טוב וועט מען באשטעלן פיצא. דאס איז א גדולה אויף וואס מען ווארט שוין דערויף. עס געבט זיי דעם טרייב קראפט זיך צוצויאגן און אין איינוועגס האט מען א געשמאקע פארטי לכבוד דעם וואס מיר האבן זוכה געווען אז אונזער טאטע זאל פארן קיין אומאן.

(ט.ז.ב., צפת)

...יין מאן קומט אהיים פון אומאן פראוועוועגן ...לים-הבאים מסיבה פארן טאטן, דאס טוען ...יך אבער פארשטייט זיך אז נאך ראש השנה ...יפערן באדייט. מיר דעקן שיין טיש און מען ...מאלצייט. ס'איז א געלעגנהייט פארן טאטן ...ינדער וואס זיי האבן פארפאסט ווען ער איז ...טוב. די קליינע קינדער לייגן ארויס זייערע ...ר און זייערע שאלה צעטלעך וואס זיי האבן ...שולע.

...יך די קינדער מיט קליינע מתנה'לעך וואס ...ט אבער איך האלט נישט אז ס'איז א חוק ולא ...רפן שעצן די זכי' אן קיין מתנות אויך.

(ח.ב. קרית יואל)



# Baked Chicken Vegetable Patties in Bulk

In a food processor blend all ingredients except for the ground chicken. Place batter in a large bowl. Combine ground chicken with batter and mix well. Fill muffin cups or loaf pans.
For vatiation: With a scooper, form patties onto a greased, lined cookie sheet. Bake uncovered for 45 minutes.
This recipe freezes well. Bake just desired amount of patties. Place cookie sheets of unbaked patties in the freezer for 2-3 hours. Then divide patties in Ziploc bags per meal. When needed, place frozen patties onto a greased lined cookie sheet and bake as instructed above. Do not defrost before baking.

3 ½ lbs. ground chicken
3 C. bread crumbs
1 ½ C. oil
¾ C. seltzer
6 eggs
3 cloves garlic

1 medium onion
1 egg tomato
1 squash
3 tsp salt
Dash white pepper
Preheat oven to 375



# Cabbage filled rugalech knishes Recipe

**Preparation instructions:**
In a skillet over medium heat, sauté first two ingredients in oil until golden.
Remove from flame, add mushrooms Stir in flour, salt and pepper. Cool mixture, and then add eggs.
Mix well.
Preheat oven to 350

On a floured board, work with one malawach dough at a time. Stretch dough, spread cabbage mixture onto dough. Cut into 8 wedges. Starting from wide edge, roll up rugalech style. Place onto lined cookie sheet. Brush with beaten egg and sprinkle with sesame seeds/and or poppy seeds.
Bake for 30 minutes.
**Variation:** To make knishes, use flaky dough squares instead of malawach dough. Place one Tbsp. of mixture in the center of each flaky dough square. Fold over dough and pinch edges to seal tightly. Cut in slits and bend over like a rainbow. Brush with beaten egg and sprinkle with sesame seeds. Bake on 350 for 20 minutes until golden.

1 package malawach dough
32 oz. shredded cabbage
5 medium onions, grated
2 15 Oz. cans mushrooms
3 Tbsp. oil for sautéing
2 eggs

4 Tbsp. flour
tsp. salt1
¼ tsp black pepper
Sesame seeds (for topping)
Poppy seeds (for topping)



# Goodies Filled Mousse Cups

1 package wafer rolls, or candy of your choice
Chocolate gelt or 1 package dark Oreo cookies

**Mousse:**

16 oz whipped topping
3 eggs, separated
1 C. sugar
1 Tbsp vanilla sugar
1 tsp vanilla extract
1 C. grated baking chocolate

Instructions: Beat topping and set aside. Beat egg whites until peaks form. Add yolks, sugars, and vanilla extract. Combine with topping, add grated chocolate.

**To Assemble:**

Fill mousse cups with goodies of your choice. Top with one chocolate gelt or 1 Oreo cookie. Pipe with Mousse. Freeze. Thaw for at least half hour before serving.

**עטליכע טיפס:**

– די גלעזער מוז מען נישט אנפילן ביז צו די שאקאלד, אדרבה, ס׳איז שענער ווען ס׳האט לעכער פון אונטן און די קוקי אדער שאקאלאד האלטן זיך אין די לופטן.

– ס׳איז ראטזאם צו לייגן די שאקאלאד אדער קוקי אין פריזער איידער מען הייבט אן צו ארבעטן אז די ווייכע שאקאלאד זאל נישט פארשמירן די גלעזער אדער זיך צעברעכן אינמיטן.

– פון אונטן קענט איר לייגן סיי וועלכע זאך צו באפיצן, פון שיינע שאקאלאדן ביז צוקערלעך. ניצט אייערע און אייערע קינדער׳ס אייגענע שעפערישע טאלאנטן.

פאר א בר מצוה קען מען לייגן שאקאלאדן אין פארעם פון תפילין. אויף חנוכה קען מען דאס מאכן מילכיג און אריינלייגן קליינע דריידלעך געפארעמט פון שאקאלאד אדער עסן clay . שבועות אדער פאר א סיום פון קינדער, קען דאס זיין א קליינע תורה׳לע פון אונטן. די מעגליכקייטן זענען ענדלאז.

# א ראש השנה מיט מילגרוים




ראש השנה ביינאבט. איך האב הערליך געדעקט דעם טיש נאך אן אנגעשטרענגטע ערב יום טוב מיטן פלאן צו פראווען א שיינע יום טוב סעודה מיט די קינדער. אויך זיי האבן שוין ארויסגעקוקט אויף דעם דערהויבענעם מאמענט ווען מען וועט עסן די צוגערייטע סימנים און דערביי זאגן די אלע זאבן וואס מען האט געלערנט אין שולע.

"לשנה טובה תכתבו ותחתמו לאלתר לחיים טובים..." האבן די קינדערישע קלאנגען אפגעהילכט אין הויז. פון פעסטער האבן מיר מיטגעהאלטן ווי טאטעס קומען פון שול און קינד און קייט שלעפן זיך צו די באבע'ס אנצואווינטשן א גוט געבענטשט יאר, אבער די אלע זאבן האט מיט אונז קיין שייכות נישט געהאט, מיר זענען אויסגעשלאסן פון דאס אלעס, אונזער טאטע איז אצינד אין אומאן. זאל מען אויסבעטן א גוט געבענטשט יאר.

"מאמי, איך מעג שוין האבן מילגרוים?" האט מיין במעט דריי יעריגע פייגעלע געפרעגט, מיט אירע גלוסטיגע אויגן איינגעשטעקט אין טעלער מילגרוים.

"נאך א מינוט, מאמי קומט שוין און מען וועט זאגן די יהי רצון וואס דיין לערערין האט דיר אויסגעלערנט."

שנעל, די קינדער ווערן שוין אומגעדולדיג. וואו איז די האניג? אויך די זמירות וואו עס שטייט די אלע יהי רצונ'ס וואס מען זאגט. אה, מען קען נישט גיין צום סעודה פארן צינדן ליכט. וואו איז די ליכט? שלמה איז שטענדיג דער וואס גרייט דאס צו. וואו ליגט די ליכט בכלל. אויוויי, כ'האב פארגעסן צו לאזן ברענען א פייער, שוין וועט מען גיין צו די שכנים. זאלן זיי נאר נישט וויסן פארוואס איך האב פארגעסן דאס פייער. אפילו אויב דער מאן איז אינדערהיים קען מען פארגעסן די סארט זאכן...

„שפיטאל!"
האבן זיי אויסגערופן.
די מילגרוים שטייט
ביים שפיץ פון עפענונג
ממש נאנט צום מח.
ס'קען דארט ווערן
אן אינפעקציע ח"ו.
דאס מוז נאך היינט
ארויסגענומען ווערן."

פארסאפעט בין איך געלאפן פון איין פליבט צום צווייטן ביז איך האב מיך ענדליך געזען גרייט זיך צו זעצן צום טיש וואו פייגעלע איז נאך געזעסןביים טעלער מילגרוים און געפאטשקעט מיט די הענט.

"פייגעלע, וואס טוסטו? נעם ארויס דיינע הענט!" האב איך איר שטרענג געזאגט.

פייגעלע האט ארויסגענומען די הענט און דאס געלייגט אין נאז...

"פייגעלע, א גרויסע מיידל

לייגט נישט די הענט אין די נאז." אויש, די קליינע קינדער, מען דארף זיי מחנך זיין.

"מילגרוים..." האט זי געשעפשעט מיטן האנט נאך אין נאז.

"נו, נעם ארויס..."

"ב'קען נישט."

"וואס הייסט? וועל איך אליין ארויפנעמען די האנט.

אוי געוואלד! וואס איז דאס?! א מילגרוים אין די נאז!

"פייגעלע, וואס האסטו געטון? א מילגרוים אין די נאז איז א סכנה?!"

איך האב גלייך ארייגעפירט א פינגער אין נאז ארויסצונעמען דעם געשטראנדעטעטן מילגרוים דערפון. ב'האב געמיינט אז ס'איז א קלייניגקייט וואס מען נעמט ארויס ווי א שמוץ, אבער ניין, ס'איז נישט ארויסגעקומען.

"נו, פייגעלע, הייב אויף דעם קאפ. גיטי, ברענג א טישו. לאמיך זען, וואו איז די מילגרוים? אוי, איך זע עס שוין נישט. ב'מיין אז ס'איז שוין זייער טיף ארייגעשטופט."

נאר דאס האט מיר יעצט אויסגעפעלט. ווי געב איך זיך אן עצה. אויש, שלמה, וואו איז ער אצינדער???

וועט מען מוזן אנקומען צו די שכנים. אבער וועלבע פון די שכנים ווייסן שוין פון שלמה'ס אוועקפארן? ב'שעם מיך סתם צו גיין קלאפן ביי דעם און יענעם. גריפעלד האט א שוואגער וואס פארט אויך, אפשר זאל איך קלאפן ביי זיי? ניין, בשום אופן, מרת גרינפעלד וועט מיר נאך אויסלאכן. ב'מיין אז שענפעלד האט שוין ממילא געזען ווי שלמה גייט אריין אין קאר מיט רענצלעך וועט זי איז פונקט ארויסגעקומען פון הויז. ב'בין זיכער אז זי שטעלט זיך שוין אליין פאר אז איך בין דא אליין מיט קליינע קינדער. נע, ב'מיין אז ב'וועל בעסער קלאפן ביי שווארץ, זיי זענען אזלעבע איידעלע שכנים און וועלן מיך זיכבער נישט אנקוקן קרום

"פייגעלע, קום צו עטעלע שווארצ'ס מאמע. מיר וועלן איר פרעגן וואס מען קען טון מיט דיין מילגרוים וואס דו האסט געגעבן צו עסן פאר דיין נאז."

**מארקא איז אן איטאליענער גוי. ביי דאס פארל אינדערהיים האלט מען ביידע רעליגיעס, לויט זייערע באגריפן. מארקא גייט מיט זיין פרוי צו אידישע סעמינארן.**

ווי איך האב מיך פארגעשטעלט האט מרת שווארץ מיר זייער שיין אויפגענומען און פרובירט צו דערגיין וואס דא טוט זיך.

"ס'איז אן עמערדזשענסי," האט זי באהויפטעט. "מען מוז רופן הצלה. ס'איז שוין צו טיף אריין זיך צו קענען אליין ארומשפילן דערמיט."

און זי האט גלייך מקיים פסק געווען און אנגעקלינגען חברה הצלה וועלבע האבן גלייך געענטפערט דעם קאל. יא. ס'איז וויכטיג, האבן זיי אויך באשטעטיגט. ביז א מינוט וועט מען זיין ביי אייך."

צוויי אינגעלייט אנגעטון אין בגדי שבת זענען ערשיינען מיט זייערע געצייג. זיי האבן אראפגעלייגט פייגעלע אויפן טיש און מיט א מאשין פרובירט ארויסצוציען דעם מילגרוים, אבער אן ערפאלג. ס'איז שוין געווען צו טיף אריין.

"שפיטאל!" האבן זיי אויסגערופן. די מילגרוים שטייט ביים שפיץ פון עפענונג ממש נאנט צום מח. ס'קען דארט ווערן אן אינפעקציע ח"ו. דאס מוז נאך היינט ארויסגענומען ווערן."

"איך וועל נעמען דיינע קינדער," האט מרת שווארץ זיך גלייך אנגערופן זעענדיג מיינע אנגעשטרענגטע אויגן.

די גאנצע גאס איז געווען פול מיט אנשים נשים וטף, ווען איך בין

**"ס'איז אן עמערדזשענסי," "מען מוז רופן הצלה.**

אריין אין הצלה טראק מיט א קליין קינד אין האנט. די צוקוקער זענען זיבער נתעורר געווארן צו אויסבעטן אויף א גוט געבענטשט יאר...

אין עמערדזשענסי צימער האט מען מיר געלאזטווארטן אויף דעם נעבטיגן טאג. עס זענען געווען וויבטיגערע פאציענטן וועלבע האבן געווארט אויף באהאנדלונגען. זיצנדיג אויף מיין בענקל האב איך זוכה צו זען אפאר שווארצע און ווייסע פיר פיסיגע חיות זיך דרייען אין מיין געגנווארג.

"דער פאציענט איז געביסן געווארן פון א הונט," האב איך געהערט אן אמבולאנסמאן איבערגעבן צום דאקטאר.

'שלא עשנו גוי!' האב איך זיך געהערט שעפשען. 'און שלא נשך הכלב...'

זאלן זיי זיין א כפרה פאר כלל ישראל.

"היי, ווי אזוי הייסטו, זיסע מיידעלע?" האב איך געפרעגט די בלאנדע שיקסעלע נעבן מיר. לאנגווייליג איז מיר געווען, פארוואס נישט מאבן א קידוש השם אינאיינוועגס?

"קריסטין," האט די מאמע געענטפערט.

"א זיס קינד," האב איך איר פארגינען, נישט ווייל זי איז אזוי זיס געווען נאר עפעס האט מיר באוואויגן צו זיין פריינטליך צו זיי. "זאל זי נאר זיין געזונט," האט די מאמע געקלאגט. "ב'ווייס נישט וואס עס האט איר באטראפן היינט, א געוויינערייי וואס הערט זיך נישט אויף!"

אינצווישן די שמועס האט זיך ארויסגעשטעלט א ווייטאגליבע בילד. קריסטינ'ס מאמע איז ליידער א אידישע פרוי און האט געהייראט א גוי ר"ל וועלבע איז אויך דארט געזעסן דערנעבן.

מארקא איז אן איטאליענער גוי. ביי דאס פארל אינדערהיים האלט מען ביידע רעליגיעס, לויט זייערע באגריפן. מארקא גייט מיט זיין פרוי צו אידישע סעמינארן. יא, זיי האבן געוואוסט פונקטליך פון דעם הייליגן ראש השנה און אז מען טונקט איין אן עפל אין האניג.

נאר איין זאך האבן זיי נישט געוואוסט, פארוואס קריסטין האט א וויינען אויסבראך פאר די לעצטע צוויי טעג. זיי זענען שוין געגאנגען צו אלע לאקאלע דאקטוירים און קיינער האט זיי נישט געקענט אנטשיידן אויף דעם מאדנעם אויפפירונג פון קריסטין.

"זי איז געזונט און שטארק," האבן אלע פראפעסארן באשטעטיגט. זענען זיי געקומען אין שפיטאל צו מאבן טעסטן צו דערגיין איר קרענק.

אן אינערליבע קרעבטץ האט זיך ארויסגעריסן פון מיין הארץ. זאל קריסטינ'ס מאמע מיינען אז איך בין אויך זייער באזארגט אויף איר געזונט, וויינאיג האט זי געוואוסט ווי מיין הארץ בלוטיגט אויף די קליינע אומשולדיגע שעפעלע וועלבע ווערט נעבעך ערצויגן אין אזא שרעקליבע צעמישעניש, ווי דער רבי ברענגט אין עטליבע מעשיות ווי א קינד ווערט פארלוירן.

איך האב הייס מתפלל געווען אז דאס פארוואגלטע נשמה זאל זיך צוריקקערן צו איר מקור. זי איז דאך א רעבטע אידישע טאבטער. איך ווייס טאקע נישט וואס עס איז אין ענדע געווארן מיט קריסטין, צו מען האט געפונען איר קרענק אדער נאך ראש השנה ווען די הייליגע גייסט פון דעם פארבטיגן טאג האט אפגענייגט, צו זי האט זיך בארואיגט. אבער איין זאך איז קלאר, א אידישע תפילה אין אזא פארבטיגע נאבט, ווען די צווייטע העלפט פון מיין נשמה איז געווען אין אומאן, האט זיבער עושה רושם געווען לטובה פאר די פארבלאנדזעטע נשמה.

און נאך עפעס, דער רבי זאגט אז עס מאבט זיך א נסיעה זאל מען דאס נישט אפשטופן וויל יעדע טריט און שריט פון א איד ובפרט א ברסלב'ער חסידים, ברענגט תיקונים. אויפן וועג דארף מען טרעפן געוויסע מענטשן און אויפטון געוויסע זאבן וואס עס זענען העבער אונזערע השגות, דער עיקר, זיך לאזן פירן פון אויבערשטן...

אה, ב'האב שוין במעט פארגעסן פון אונזער מעשה. א דאקטארקע האט מצליח געווען ארויסצונעמען מיט א קליינע צווענגל, פייגעלעס מילגרוים. ברוך השם, אפגעקומען מיט שרעק.





# קינדער שטראלן

**מאמר**
לכבוד יו"ט

**משל**
קוק זיך אין שפיגל

**מעשה**
הכנסת אורחים
ביים קיבוץ



# אַ גוּטְן שַׁבָּת און יוֹם טוֹב פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער



טַייעֶרֶע קִינְדֶער הָאט אַמָאל פַּאסִירְט מִיר שְׁטַייעֶן שׁוֹין בַּיים שְׁוֶועל פוּן דֶער נַייעֶם יָאר. אַלֶע אִידְן גְּרֵייטְן זִיךְ אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב רֹאשׁ הַשָּׁנָה. יֶעדֶער זוּכְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּוואֶועקְן פוּנֶעם שְׁלָאף און זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

מִיר אַלֶע בֶּעטְן בַּיים דַאוֶוענֶען אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג "זָכְרֵנוּ לְחַיִּים מֶלֶךְ חָפֵץ בַּחַיִּים וְכָתְבֵנוּ בְּסֵפֶר הַחַיִּים לְמַעַנְךָ אֱלֹקִים חַיִּים", מִי כָמוֹךָ... וּכְתוֹב... בְּסֵפֶר חַיִּים...

ר' נָתָן אִין הִלְכוֹת תְּפִלִּין אִיז מַסְבִּיר אַז דֶער עִיקָר קְדוּשָּׁה פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה, דָאס מֵיינְט אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן פוּן אִיצְטֶער און צוּלֵייגְן מֶער קְדוּשָּׁה פוּן דָאסְנֵיי.

דֶערְפַאר בֶּעטְן מִיר אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג גָאר אַסַאךְ מָאל אוֹיף הִתְחַדְּשׁוּת, אַז מֶען זָאל זִיךְ אַלֶעמָאל בַּאנַייעֶן פוּן דָאסְנֵיי אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט "חַדֵּשׁ עָלֵינוּ שָׁנָה טוֹבָה" 'חַדֵּשׁ', מֶען בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אוּנְז זִיךְ בַּאנַייעֶן און דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ לַאנְגֶע לֶעבְן פוּן נִצְחִיּוּת, דֶערְפַאר בֶּעטְן מִיר אַסַאךְ מָאל 'זָכְרֵנוּ לְחַיִּים', וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה בֶּעטְן מִיר אוֹיף אֱמֶת'ע לַאנְגֶע לֶעבְן, דָאס מֵיינְט אַ לֶעבְן וָואס מִיר טוּעֶן דֶער רָצוֹן הַשֵּׁם און מִיר זֶענֶען מְקַיֵּים זַיינֶע מִצְווֹת מִיט פְרִישְׁקֵייט

פַארְוָואס פָארְט מֶען צוּ צַדִּיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

אִין סֵפֶר לִקוּטֵי עֵצוֹת אִין אִידִישׁ אִיז עֶר מַסְבִּיר לוֹיט תּוֹרָה רי"א אַז דֶער עִיקָר הַמְתָּקַת הַדִּינִים וֶוערְט לוֹיט דִי הֵיילִיגְקַייט און רֵיינְקֵייט וָואס מֶען הָאט אִין מֹחַ, אָבֶּער מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט הֵיילִיגְן און רֵייניִגְן דִי מַחֲשָׁבוֹת נָאר אַז מֶען אִיז זִיךְ מְקַשֵּׁר צוּ צַדִּיקִים, און וִויבַּאלְד רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער מְקוֹר פוּן דִּינִים דֶערְפַאר דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט צוּ הַאלְטְן רֵיין דִי מַחֲשָׁבוֹת אִין דִי טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה כְּדֵי צוּ מְבַטֵּל זַיין אַלֶע דִינִים, דֶערִיבֶּער פָארְט מֶען צוּ דִי צַדִּיקִים צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קְדוּשָּׁה און טָהֳרַת הַמַּחְשָׁבָה.

און דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען פָארְט צוּ אֶמֶת'ע צַדִּיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוערְן נִמְתָּק אַלֶע סָארְטְן דִינִים פוּן דֶער וֶועלְט, דָאס מֵיינְט אַלֶע קִטְרוּגִים און יִסּוּרִים פוּן דֶער וֶועלְט, וואוּ עֶס אִיז נָאר פַארְהַאן עֶפֶּעס אַ דִין – דָאס מֵיינְט אַ קִטְרוּג וֶועלְכֶע בְּרֶענְגְט צָרוֹת און יִסּוּרִים – וֶוערְט אַלֶעס נִמְתָּק און בָּטֵל דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען פָארְט צוּ אֱמֶת'ע צַדִּיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז טַאקֶע גֶעוָוארְנְט "רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען טְרַאכְטְן גוּט".

דוּרְכְדֶעם וָואס עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן צוּם אֱמֶת'ן צַדִּיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה און זֵיי זֶענֶען צוּזַאמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט און אַחְדוּת דוּרְךְ דֶעם קוּמְט אַרַיין אַסַאךְ שִׂמְחָה און פְרֵייד אִין דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען צוּם אֱמֶת'ן צַדִּיק.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר גְּרֵייטְן זִיךְ צוּ מַמְלִיךְ זַיין דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אַזוֹי וִוי מִיר בֶּעטְן בַּיים דַאוֶוענֶען אַז דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס קֶענִיגְרֵייךְ זָאל שׁוֹין נִתְגַּלֶּה וֶוערְן אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, יֶעדֶער אֵיינֶער וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאל זֶען צוּ דַאוֶוענֶען מִיט כַּוָּונָה וִוי מֶער, און זִיךְ אוֹיפְפִירְן בִּקְדֻשָּׁה און טָהֳרָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין הֲלָכָה אַז מֶען זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן לְכָבוֹד דֶעם הֵיילִיגְן טָאג און זִיךְ אָנְטוּן שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער און וואוּנְטְשְׁן מִיט לִיבְּלִיכְקַייט פַאר אַלֶעמֶען 'לְשָׁנָה טוֹבָה תִּכָּתֵב וְתֵחָתֵם' און עֶסְן דִי סְעוּדוֹת פוּן יוֹם טוֹב מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם (נחמיה ח, י).

בַּיי דִי תְּקִיעוֹת זָאל מֶען נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ אוּנְזִין הָאבְּן אַז מֶען אִיז מְקַיֵּים אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מִצְוָה דְּאוֹרָיְיתָא פוּן תְּקִיעַת שׁוֹפָר, און נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז מִצְווֹת כִּבּוּד אָב וָאֵם אִיז אוֹיךְ אַ דְּאוֹרָיְיתָא.

וֶוער עֶס קֶען זָאגְן תְּהִלִּים, וואוֹיל אִיז זַיין חֵלֶק, אַשְׁרֵי לוֹ, וַוייל תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָל צוּ טוּן תְּשׁוּבָה. אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען אַרַיינְכַאפְּן 'לִקוּטֵי תְּפִלּוֹת'. זִיכֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַז מֶען קֶען אַרָאפְּנֶעמֶען אַפָּאר מִינוּט און זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אִידִישׁ און אִים בֶּעטְן אַז דֶער מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ זָאל שׁוֹין אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן און דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מַלְכוּת זָאל שׁוֹין נִתְגַּלָּה וֶוערְן אִיְנגִיכְן.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל שִׁיקְן פַאר אוּנְז און פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַ אוֹיסְגֶעלֵייזְטֶע יָאר, לְשָׁנָה טוֹבָה תִּכָּתֵבוּ וְתֵחָתֵמוּ לְאַלְתַּר לְחַיִּים טוֹבִים אֲרֻכִּים וּלְשָׁלוֹם, בְּסִפְרָן שֶׁל צַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, אָמֵן.

# הכנסת אורחים ביים קיבוץ

ר' חַיִּים סְטָאלֶער דֶער פָּשׁוּטֶ'ער אִידל שְׁטֵייט אִין זַיין סְטָאלֶערַיי, עֶר הַאלְט אִינְמִיטְן צַאמְשְׁטֶעלְן שַׁאפֶעס מִיט טִישְׁן אוּן נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע שֵׁיינֶע מֶעבְּל.

ר' חַיִּים אַ פַייעֶרְדִיגֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד אַ תַּלְמִיד פוּן ר' נָתָן וֵוייסְט וְויאַזוֹי צוּ אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט, וֶוען עֶר הַאלְט אִינְמִיטְן גְּלַאט מַאכְן אוּן אוֹיסְרַייבְּן דִי הָאלְץ גִיסְט עֶר זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ אוּן לָאזְט פַאלְן טְרֶערְן בֶּעטְנְדִיג זִיךְ דֶערְבַּיי בַּיים בַּאשֶׁעפֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הַאלְט דָא אִין הַאנְט אַ הָאלְצֶערְנֶע קְלָאץ אוּן אִיךְ אַרְבֶּעט דָאס אוֹיס בִּיז עֶס וֶוערְט אַ שֵׁיין שְׁטִיקְל מֶעבְּל. בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ אוֹיךְ רֵיינִיגְן מַיין נְשָׁמָה מִיט מַיין הַארְץ עֶס זָאל אוֹיךְ וֶוערְן אַזוֹי שֵׁיין גְּלַאט אוּן זוֹיבֶּער וְוי דָאס הָאלְץ וָואס אִיךְ שַׁארְף אוֹיס אַזוֹי שֵׁיין."

לַיידֶער הָאט ר' חַיִּים נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. אֵיינְמָאל הָאט זִיךְ זַיין בְּנֵי־בֵּית אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ טַעֲנָה צוּ אִים: "אַלֶע חֲסִידִים גֵייעֶן זִיךְ וואוּנְטְשְׁן בַּיי ר' נָתָן אוּן דוּ וָואס דוּ הָאסְט נָאךְ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער פַאר וָואס גֵייסְטוּ זִיךְ נִישְׁט וואוּנְטְשְׁן בַּיי אִים?" הָאט ר' חַיִּים אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "ר' נָתָן וֵוייסְט דֶען נִישְׁט אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער? וָואס הָאבּ אִיךְ אִים צוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, אַז דוּ וְוילְסְט, גֵיי דוּ אוּן בֶּעט אִים אַ בְּרָכָה".

זִי אִיז טַאקֶע גֶעגַאנְגֶען אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן ר' נָתְנְ'ס טִיר אוּן אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוֵויין. ר' נָתָן גִיט אַ פְּרֶעג: "וֶוער אִיז דָארְט?" הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן אִיר וֵוייטָאג אוּן צַעַר, אַז עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער עֶטְלִיכֶע יָאר אוּן זֵיי הָאבְּן נָאךְ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער. הָאט ר' נָתָן אִיר גֶעזָאגְט: "גֵיי אַהֵיים אוּן זָאג פַאר דַיין מַאן עֶר זָאל אַרַיינֶעמֶען בַּיי זִיךְ צֶען גֶעסְט וָואס קוּמֶען צוּם קִבּוּץ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן זֵיי גֶעבְּן צוּ עֶסְן. אִיךְ מֵיין נִישְׁט אִיר זָאלְט גֶעבְּן פִישׁ אוּן פְלֵיישׁ, נָאר אֲפִילוּ פָּשׁוּטֶ'ע קוֹילִיטְשׁ מִיט קָאוְונֶעס (חַלּוֹת מִיט רוֹיטֶע מֶעלָאן)"

הָאט דִי פְרוֹי גְלַייךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט גְרוֹיס פְרֵייד: "זִיכֶער, אִיךְ נֶעם זִיךְ שׁוֹין אוּנְטֶער אַרַיינְצוּנֶעמֶען דִי גֶעסְט אוּן אַלֶעס בַּאזָארְגְן פַאר זֵיי".

ר' נָתָן זָאגְט אִיר: "גֵיי קוֹדֶם פְרֶעגְן דַיין מַאן". זִי אִיז טַאקֶע אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען אוּן פַארְצֵיילְט פַאר אִיר מַאן וָואס ר' נָתָן הָאט אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט.

הָאט זִיךְ ר' חַיִּים אָנְגֶערוּפְן: "גֵיי צוּ ר' נָתָן אוּן זָאג אִים אַז אִיךְ וֶועל זֵיי גֶעבְּן פִישׁ אוּן פְלֵיישׁ אוֹיךְ". זִי אִיז טַאקֶע צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּ ר' נָתָן, אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי וֶוערְטֶער פוּן אִיר מַאן.

הָאט אִיר ר' נָתָן גֶעזָאגְט: "וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אוּן אִיר וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ קִינְד, זָאלְט אִיר אַ נָאמֶען גֶעבְּן דָאס קִינְד, 'לֵוִי יִצְחָק' נָאכְן הֵיילִיגְן בַּארְדִיטְשׁוּבֶ'ער רָב זַצַ"ל".

עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי גֶעוֶוען, אוּן עֶס אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִינְגֶעלֶע, מֶען הָאט דָאס קִינְד טַאקֶע אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן לֵוִי יִצְחָק. נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן נָאךְ אַ אִינְגֶעלֶע, הָאט מֶען אִים גֶערוּפְן יִשְׂרָאֵל נָאכְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן דָאס אִיז דֶער בַּאוואוּסְטֶער ר' יִשְׂרָאֵל טְרָאוְויצֶער זַ"ל.

דֶער זוּן ר' לֵוִי יִצְחָק אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן פַאר בְּעֶרֶךְ הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, (תר"פ) זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען כֹּהֲנִים אוּן וֶוען ר' לֵוִי יִצְחָק פְלֶעגְט אַרוֹיפְגֵיין דוּכֶענֶען, פְלֶעגְט עֶר בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת כֹּהֲנִים מִיט גָאר אַ גֶעשְׁמַאקֶע אוּן זִיסֶע שְׁטִימֶע.

שְׁפֶּעטֶער אִיז בַּיים ר' חַיִּים סְטָאלֶער אוֹיךְ גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ טָאכְטֶער וֶועלְכֶע הָאט אִין דִי שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן חַתוּנָה גֶעהַאט צוּ ר' שַׁבְּתַי בְּרֶסְלֶבֶ'ער.

# קוק זיך אין שפיגל

אַ קֶענִיג הָאט אַמָאל זִיךְ גֶעבּוֹיט אַ פַּאלַאץ, דֶער קֶענִיג הָאט גֶערוּפְן צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי בַּאפוֹילְן זֵיי זָאל אוֹיסְמָאלְן זַיין נַייעֶ פַּאלַאץ. עֶר הָאט צֶעטֵיילְט דֶעם פַּאלַאץ אוֹיף צְוֵויי טֵיילְן, דָאס הֵייסְט, אַז אֵיין חֵלֶק זָאל לִיגְן אוֹיף אֵיין מֶענְטְשׁ צוּ אוֹיסְמָאלְן אוּן דָאס צְוֵוייטֶע טֵייל פַארְן צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ.

דֶער קֶענִיג הָאט בַּאשְׁטִימְט אַ צַייט, אַז בִּיז דֶעם בַּאשְׁטִימְטְן זְמַן לִיגְט אוֹיף זֵיי אַ פְלִיכְט צוּ עֶנְדִיגְן דִי אוֹיפְגַאבֶּע פוּן מָאלְן. דִי צְוֵויי זֶענֶען זִיךְ גֶעגַאנְגֶען יֶעדֶער אִין זַיין וֶועג. אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט זִיךְ גְלַייךְ גֶענוּמֶען צוּ דֶער אַרְבֶּעט, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעפְלָאגְט אוּן זִיךְ גֶעגַאנְגֶען גוּט גוּט אוֹיסְלֶערְנֶען דִי פַאךְ פוּן מָאלֶערַיי, בִּיז עֶר הָאט הֶערְלִיךְ אָפְּגֶעמָאלְן זַיין טֵייל וָואס אִיז גֶעלֶעגְן אוֹיף אִים צוּ עֶנְדִיגְן, עֶר הָאט דָארְט אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אַלֶע סָארְטְן חַיּוֹת אוּן פֵייגְלֶען מִיט הֶערְלִיכֶע פַּאנַארַאמֶעס

דֶער צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט אִינַאכְט גֶענוּמֶען דֶעם קֶענִיגְס בַּאפֶעל אוּן זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעפָארֶעט מִיט זַיין אוֹיפְגַאבֶּע. וֶוען דִי בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט צוּ עֶנְדִיגְן זֵייעֶר אַרְבֶּעט אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין גֶעפַארְטִיגְט זַיין אַרְבֶּעט אוּן קוּנְסְטְוֶוערְק, מִיט הֶערְלִיכֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע מָאלֶערַייעֶן, אוּן דֶער צְוֵוייטֶער קוּקְט זִיךְ אַרוּם אוּן פְרֶעגְט זִיךְ, "מִיט וָואס הָאבּ אִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעפִירְט דִי צַייט, מִיט פּוּסְטֶע נַארִישְׁקַייטְן? אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּם קֶענִיגְס בַּאפֶעל?".

זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען הֵייבְּן אָן פִיבֶּערְן מִיט אַלֶע סָארְטְן מַחֲשָׁבוֹת וָואס עֶר קֶען יֶעצְט טוּן? זִיכֶער אִין אַזַא קוּרְצֶע צַייט אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ זִיךְ אוֹיסְצוּלֶערְנֶען אַזַא שְׁוֶוערֶע פַאךְ צוּ מָאלְן שֵׁיינֶע מָאלֶערַייעֶן, אוּן צוּעֶנְדִיגְן זַיין חֵלֶק אִינֶעם פַּאלַאץ פוּנֶעם קֶענִיג.

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן אַזַא סָארְט פַארְבּ וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "פָּאקוּסְט", דָאס אִיז אַזַא גֶעדִיכְטֶע שְׁוַוארְצֶע קָאלִיר, מִיט דֶעם הָאט עֶר אָנְגֶעשְׁמִירְט דִי גַאנְצֶע וַואנְט וואוּ עֶר וָואלְט דָארְט גֶעדַארְפְט מָאלְן זַיין חֵלֶק. דִי פָּאקוּסְט אִיז גֶעוֶוען פּוּנְקְט וְוי אַ שְׁפִּיגְל וואוּ מֶען הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט זֶען דֶערִין וְוי אַ שְׁפִּיגְל. נָאכְן אָפְּשְׁמִירְן הָאט עֶר אָנְגֶעהָאנְגֶען אַ פוּרְהַאנְג אוּן פָארְנְט פוּן זַיין טֵייל אוּן זַיין חַבֶרְ'ס טֵייל.

וֶוען דֶער בַּאשְׁטִימְטֶער טָאג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, אִיז דֶער קֶענִיג גֶעקוּמֶען זֶען דִי שֵׁיינֶע וֶוערְק וָואס זֵיי הָאבְּן צוּגֶעשְׁטֶעלְט אִין דִי טֶעג. דֶער קֶענִיג זֶעט דֶעם עֶרְשְׁטְנְס חֵלֶק וואוּ עֶס אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמָאלְן הֶערְלִיכֶע פַּאנַארַאמֶעס אוּן קוּנְסְטְוֶוערְק גֶעצֵייכְנְט אוֹיף אַ וואוּנְדֶערְלִיכְן אוֹפָן. אִינֶעם צְוֵוייטְן זַייט הָאט גֶעהָאנְגֶען אַ פוּרְהַאנְג פוּן אוּנְטֶערְדֶעם אִיז גֶעוֶוען שְׁטָאק פִינְסְטֶער.

דֶער צְוֵוייטֶער קוּמְט צוּ גֵיין אוּן עֶפְנְט אוֹיף דֶעם פוּרְהַאנְג, דִי זוּן הָאט אַרַיינְגֶעשַׁיינְט אוּן אַלֶע מָאלֶערַייעֶן פוּן צְוֵוייטְן זַייט הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּיגְלְט אוֹיף זַיין זַייט, וַוייל דֶער פָּאקוּסְט הָאט גֶעשַׁיינְט וְוי אַ שְׁפִּיגְל, הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעשְׁפִּיגְלְט אַלֶע פֵייגְלֶעךְ אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע קוּנְסְטְוֶוערְק, דָאס אַלֶעס הָאט מֶען יֶעצְט גֶעזֶען אוֹיף זַיין חֵלֶק. נָאךְ מֶער פוּן דֶעם, אַלֶע מֶעבְּל אוּן שֵׁיינֶע כֵּלִים וָואס דֶער קֶענִיג הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין פַּאלַאץ, הָאט מֶען יֶעצְט גֶעזֶען אוֹיף דֶעם זַייט, אוּן וָואס דֶער קֶענִיג וֶועט שְׁפֶּעטֶער בְּרֶענְגֶען אִין פַּאלַאץ וֶועט מֶען אוֹיךְ זֶען אוֹיף דֶעם וַואנְט. אִיז עֶס דֶעם קֶענִיג זֵייעֶר גֶעפָאלְן...

קִינְדֶער טַייעֶרֶע, אוּנְז זֶענֶען שׁוֹין אִין דִי לֶעצְטֶע טֶעג פוּן יָאר תשפ"ה, מִיר הָאבְּן הָאבְּן גֶעהַאט פְּלֶענֶער וְויאַזוֹי דָאס יָאר זָאל אוֹיסְקוּקְן, זִיךְ אָנְגְרֵייטְן דִי רִיכְטִיגֶע גֶעצֵייג צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, זַיין נָאנְט צוּ אִים אוּן צוּ זַיין תּוֹרָה, אָבֶער... וְוי דֶער צְוֵוייטֶער מֶענְטְשׁ אִינֶעם מָשָׁל, עֶס קֶען זַיין אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ דוּרְכְאוֹיס דֶעם יָאר זִיךְ פַארְקְלָאצְט, פַארְרֶעדְט, אִיבֶּערְגֶעגֶעסְן, פַארְשְׁלָאפְן אוּן יֶעדֶער קֶען צוּלֵייגְן זַיינֶע שְׁוַואכְקַייטְן וָואס עֶס אִיז אַדוּרְךְ דֶעם יָאר אוּן פַארְגֶעסְן צוּ אוֹיסְפָאלְגְן דֶעם קֶענִיגְס בַּאפֶעל צוּ אוֹיסְמָאלְן אוּן פַארְשֶׁענֶערְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס פַּאלַאץ.

אָבֶער דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, מִיר וֶועלְן זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּם צַדִּיק, מִיר וֶועלְן זַיין בָּטֵל צוּ אִים אַזוֹי וְוי אַ שְׁפִּיגְל שְׁפִּיגְלְט אָפּ וָואס עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אַרוּם, אַזוֹי וֶועלְן מִיר אוֹיסְלֵיידִיגְן אוּנְזֶער שֵׂכֶל אוּן עֶס וֶועט זִיךְ אָפְּשְׁפִּיגְלֶען אוּנְז אוּנְז נָאר דֶעם רֶבִּי'נְס שֵׂכֶל, אוּן אַרַיינְכַאפְּן וֶועלְכֶע קְלֵיינֶע מִצְוָה אָדֶער גוּטֶע זַאךְ צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי אַרוּם וֶועט דֶער קֶענִיג הֲנָאָה הָאבְּן זֶעעֶנְדִיג אַז מִיר גִיבְּן נִישְׁט אוֹיף, מִיר הֵייבְּן נִישְׁט הֶענְט, מִיר עֶנְדִיגְן צוּ דֶעם יָאר מִיט שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד, זִיךְ פַארְלָאזְנְדִיג אוֹיפְן כֹּחַ פוּן אוֹתוֹ זָקֵן, אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער גְרוֹיסֶער רֶבִּי.


צוּ מַיין נַייעֶם פַּאלַאץ וֶועט נִישְׁט זַיין קֵיין גְלַייכְן!
רוּף מִיר אַהֶער צְוַויי פַּאכְלַייט
הוֹיכְגֶעשַׁעצְטָער קֶענִיג, אִיךְ בִּין גְרַייט צוּ טוּן דֶעם קֶענִיגְ'ס בַּאפֶעל
אִיךְ וֶועל צוּטַיילְן מַיין פַּאלַאץ אִין צְוַויי חֲלָקִים. יֶעדֶער פוּן אַייךְ זָאל הֶערְלִיךְ שֵׁיין בַּאצִירְן זַיין חֵלֶק, אַז עֶס זָאל זַיין אַ פְּרַאכְט.
צוּם בַּאפֶעל!
צוּם בַּאפֶעל!
גֶעדֶענְקְט, בִּיז דֶעם טָאג זָאל דִי אַרְבֶעט זַיין פַארְטִיג, פַארְשְׁטַאנֶען?!
אִיךְ מוּז זִיךְ שׁוֹין נֶעמֶען צוּ דֶער אַרְבֶעט
אִיךְ וֶועל מַאלֶעוֶוען אַ בִּילְד וָואס וֶועט זַיין אֵיינְס אִין דֶער וֶועלְט!


דֶער פְלַייסִיגֶער בַּאדִינֶער אִיז זִיךְ נֶעגַאנְגֶען לֶערְנֶען דֶער פַאךְ פוּן מַאלֶעוועֶן
אַז עֶר זָאל קֶענֶען בַּאצִירְן הֶערְלִיךְ דֶעם קֶענִיג'ס פַּאלַאץ.
מַאךְ אַ
שְׁטְרִיךְ דָא
וְוִי אַזוֹי?
אָה! יֶעצְט וֶועל אִיךְ שׁוֹין
קֶענֶען אַהֶערְשְׁטֶעלְן הֶערְלִיכֶע
מָאלַעריֵיעָן פַאר'ן הוֹיכְגֶעשֶׁעצְטְן
קֶענִיג


הַיינְט בִּין אִיךְ וַייעֶר מִיד. אִיךְ וֶועל זִיךְ גוּט אוֹיסְשְׁלָאפְן אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְן כֹּחַ צוּ מָאלְן שַׁיינֶע בִּילְדֶער פַאְרן קֶענִיג
הַיינְט בִּין אִיךְ וַייעֶר פַארְנוּמֶען. מָארְגְן וֶועל אִיךְ מַאלֶעוֶוען פַארְן קֶענִיג
דֶער פְלַייסִיגֶער בַּאדִינֶער יָאגְט זִיךְ מִיט זַיינֶע אַרְבֶּעטְ'ס גֶעצַייג, צוּ בַּאפַּיצְן שַׁיין דֶעם קֶענִיגְ'ס פַּאלַאץ.
דֶער וַייגֶער רוּקְט זִיךְ, אִיךְ מוּז זִיךְ יָאגְן צוּ טוּן דֶעם בַּאפֶעל פוּנֶעם קֶענִיג


אָה, עֶס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט דִי שְׁוָועְרֶע אַרְבֶּעט! דֶער קֶענִיג וֶועט זִיכֶער הֲנָאָה הָאבְּן
אוֹי וַויי, גֶעוואלְד! אִיבֶּערְמָארְגְן וֶועט דֶער קֶענִיג קוּמֶען אִין פַּאלַאץ צוּ בַּאטְרַאכְטְן דִי וֶוענְט, אִיךְ הָאב נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעמַאכְט!
וָואס טוט מֶען?
הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען טְרֶעפְן אַן עֵצָה וְוי אַזוֹי צוּ מַאכְן שֵׁיין דֶעם קֶענִיגְ'ס פַּאלַאץ!
אָה בָּרוּךְ הַשֵּׁם, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר אַרַיינְגֶעשַׁיינְט אַן עֵצָה


דֶערְלַאנְג מִיר אַ פִּישְׁקֶע פָּאקִיסְט, דִי גֶעדִיכְטֶע שְׁוַוארְצֶע פַּארְבּ
דוּ הָאסְט הַיינְט שְׁוַוארְצֶע אַרְבֶּעט, הַא?!
אָה הַא! דִי וַואנְט וֶוערְט דָא אַ שְׁפִּיגְל! אַזוֹי וָועט דֶער קֶענִיג זֶען דִי הֶערְלַיכֶע מָאלֶערַייעֶן פוּן אַנְטְקֶעגְן אִיבֶּער



מַמָש אַ פְּרַאכְט!
וָואס אִיז דִי פּוּרְהַאנְג
דָא?
עֶס גֶעפֶעלְט מִיר
זֵייעֶר! אַלֶע מָאלֶערַייעֶן
שְׁפִּיגְלְט זִיךְ אַפּ אוֹיף דֶעם
וַואנְט!
אוּן גֶעבּ אַ קוּק אוֹיף דִי
מֶעבְּל אוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ וֶועל
אַרַייְנְבְּרֶענְגֶען אִין מַיין פַּאלַאץ וֶועט זִיךְ
אָפְּשְׁפִּיגְלֶען אִין דַיין שְׁפִּיגְל!

שטראלן

פונעם ליכטיגן שיין די אור האורות **רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע**